אַרנאָלד צווייג געפינט זיך אויף אַ קורצן באַזוך אין לאָנדאָן. ער וועט דאָ האַלטן איייניגע לעקציעס.

• • •

ליבע לאָזדאַן פון דרום אַפריקע האָט גע־ווײלט אייניקע וואָכן אין לאָנדאָן.

• • •

חיים וואַלדמאַן האָט גערעדט ביי די שבת נאָכמיטאָגס איבער דער געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טעט־קייט אינם יידיש ישוב אין דרום אפריקא.

• • •

דער שרייבער און געזעלשאַפטלעכער טוער פון אַרגענטינע, מערקין, געפינט זיך אויף אַ באַזוך אין לאָנדאָן.

• • •

פערגאַנגענעם חודש האָט די ייוואָ, אין לאָנדאָן געהאַט איר אלגעמיינע יערלעכע פערזאַמלונג. עס איז אייגעקליבן געוואָרן אַ נייער קאָמיטעט. מיר האָפן אז די אַרבעט וועט אינטענסיווירט ווערן.

• • •

פריינט גלאַזער פון דרום־אפריקע, פון דער קולטור־גרופע דאָרט, וועלכער געפינט זיך אין לאָנדאָן האָט געלייגט אַ בלומען־בוקעט אויף שלום אַש׳ס קבר.

קומענדיקן חודש האָט דאָ אַן אויסשטעלונג פון זיינע סקולפטורן דער באַרימטער מאָלער מאַנע קאַץ.

• • •

לעאָ קעניג, וואס איז איצט אַ תושב אין ישראל, קומט אויף אַ באַזוך קיין לאָנדאָן, מיר זאָגן אים: בואכם לשלום.

• • •

אונזער טיפן מיטלייד צו הרב ר׳ אברהם מושעל, דעם רב פון פוילישן עסטרייכישן חסידים־שטיבל אין פילגייט סטר. צו נפטר ווערן פון זיין פרוי, הרבנית רחל ע״ה.

• • •

מאָריס מינדעלען, וואָס געפינט זיך איצט אין אַ שפּיטאָל מחוץ לאָנדאָן, גייט עס אַ סך בסער, מיר ווינטשן אים אַ רפואה שלימה.

• • •

איסראָעל קאַגאַנאָוויטש פון וואַרשע איז אויפגענומען געוואָרן ביים שבת נאָכמיטאָגס, דערציילט פון יידישן לעבן און איז וואַרעם באַגריסט געוואָרן.

• • •

צו די שלושים פון מאָריס שוואַרץ אָרדנט איין „פריינט פון יידיש לשון" אַן הזכרה־אָוונט.

* * *

## מאריס שווארץ ע.ה.

מיר באַטייליקן זיך אינם טרויער איבערן טויט פונם גרויסן יידישן בינע־קינסטלער און וועלט־באַרימטן אַקטיאָר, **מאריס שווארץ.**

חבל על דאבדין ולא משתכחין! — לשון און לעבן און פריינט פון יידיש לשון

## ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון"

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.
**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**
**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1

218

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־8 (העפט 347־8) איין און צוואַנציקסטער יאָר יולי־אויג. 1960 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

די מסורה פון חסידות איז נישט איבערגעריסן, די שפחה, שלום אש (צו דער דריטער יאָרצייט) מאַקמילאַנס נסיעה קיין דייטשלאַנד (צייט ליד) .......... 1 ••
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע (דער תמצית פון תורת משה) י. ריכטיגער 8
ענד פון „האָלידיי" (ליד) .......... עלי זילבערג 14
דער קלוגער בעל־עגלה (אַ קליין מעשהלע פאַר גרויסע מענטשן) מ. קאַצמאַן 14
א מעשה מיט אַ בראַמין .......... וואָלטער 15
כאָעטן און זייערע לידער (עסיי) .......... יחזקאל בראָנשטיין 18
פערד (בילד) .......... מאַנע קאַץ 19
געדאַנקן זיינע איבער מאָלעריי .......... פיקאַסאָ 19
דער אינזל פעלדז, ביים ים, די באַלאַדע פונם מעוון געזאַנג (לידער) א. נ. שטענצל 20
נכוח אַ וועלט־קאָנגרעס פון יידישע זשורנאַליסטן (אַ וואָרט אין דעם וויכוח צווישן משה רון און יוסף פרענקל) .......... ש. י. האַרענדאָרף 29
מאָריס שוואַרץ — דער בינע־קינסטלער .......... יהודה ביעטש 31
לאָנדאָנער קולטור־ידיעות
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס .......... 32

## פרייז 2 שילינג

אַבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר
אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר
אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—
"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by A. N. Stencl, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

## וויכטיק, וויכטיק — זייער וויכטיק !

ווי אַלע יאָר וועט אויך דער הייאָריקער ראש־השנה־נומער זיין אַ פאַרגרעסערטער, און מיר בעטן אונזערע פריינט צוצושיקן באַצייטנס זייערע ראש־השנה־ווונטשן, וואָרום לויטן סכום פון די באַגריסונגען וועט זיין דער פאַרגרעסערטער סכום פון די זייטלעך אינם קומענדיקן סעפטעמבער־נומער.

מיטן היינטיקן ראש־השנה־נומער ווערט אויך פולע 20 יאָר ווי די „העפטלעך״־ „לשון און לעבן״ דערשיינען ; ערב־ראש־השנה 1940 איז אַרויס דאָס ערשטע „העפטל״.

---

**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַמענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַ־בעט.

---

אַ האַרציקן **מזל-טוב** ווינטשן **רבקה היישעריק** מיט איר מאַן צו דער חתונה פון איר שוועסטער **חנה** אין תל־אביב.

---

## ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון״


LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**

**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1


**אונזער טיפן מיטלייד** צו דער פרוי און די זון פון **דר. אברהם גראָס**, ע.ה. צום פלוצלינגען טויט פון זייער באַליבטן מאַן און פאָטער, דעם מלומד און משכיל און אָנגעזעענעם דאָקטער אויף דער יידישער גאַס דאָ אין ווייטשעפּל. הבל על דאבדין.

**פריינט פון יידיש לשון**

---

**די מצבה** פון **יצחק באַריס**, ע.ה. (דער מאַן פון מילי באַריס) פון 19 נאָרד קרעסן, פינטשלי נ.3. ווערט געשטעלט זונטיק, דעם 11׳טן סעפּטעמבער, 12 אַ זייגער, אויפן בושי־בית־עולם. „פריינט פון יידיש לשון״ זיינען געבעטן צו קומען. מיר ווינטשן אונזער פריינדין מרת באַריס, און אירע קינדער, זיי זאָלן מער נישט וויסן פון קיין צער.

**פריינט פון יידיש לשון**

---

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור


נומער 8־7 (העפט 8־347) איין און צוואַנציקסטער יאָר יולי־אויג. 1960 לאָנדאָן


## די מסורה פון חסידות איז נישט איבערגעריסן

נאָך 200 יאָר פון בעל שם טוב, דעם זייער פונם הייליקן קרייטעכצער זוימען, אויף די טאָל־סודותדיקע, טונקל־פאַרוואָרצלטע קאַרפּטן־בערג, וואָס דער שפּראָץ זיינער איז אויפגעגאַנגען אין די שפלות־פערפאַלענע יידישע שטעטלעך, מיטן שטאָלץ פון אַ מגיד פון מעזעריטש, דער בערדיטשעווער, דער לובאַוויטשער, דער רבי ר׳ מלך פון ליזשענסק, האָט מיט אַ דור שפּעטער וווּנדערלעך געצייטיקט דעם בוים פונם פוילישן חסידות מיט קאָזעניצער מגיד, מיטן חוזה מלובלין, דעם ייד הקדוש, דער רבי ר׳ בונים, מיטן געפאַלענעם ריזיקן דעמב — דעם קאָצקער (וועמענס 100׳סטע יאָרצייט פאַלט אויך גראָד אויס הייאָר).

נאָך „דער גרויסער נפילה״ביים פירן דעם שבתדיקן טיש, נאָך יענעם מוראַדיקן אויסגעשריי „לית דין ולית דיין״ וואָלט קיין סך נישט איבערגעבליבן — אַ חוץ דאָ און דאָרט חוזרימשע איבערחזרונג, אַ ביסל עכטע קאָנסערווירטע פאָרעם און אַ סך צדיקיזם־אוניפאָרם ! — פון דער הומאַניסטיש־שעפערישער יידישלעך־גייסטיקער ירושה. התנגדות האָט נאָך געלויערט פון אַלע ווינקלען, די הסכלה האָט מלאך־המותדיק, קאָסאָקאָ־געקוקט מיט טויזנט אויגן — — עס וואָלט קיין סך נישט געבליבן פון דער גייסט־און האַרץ־ירושה פונם עולם החסידות ווען דער באַנייטער שעפערישער נוסח, וואָלט נישט איבערגעגאַנגען — ווי אין אונזער אַלטע מסורה „ומנביאים לאנשי כנסת הגדולה״ — אין אונזער מאָדערנער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור —

דאָס הומאַניסטישע יידישלעכע נאַטור־געפיל, דאָס דערפילן יעדן שאָקל פון קערפּער מיט אַלע רמ״ח־אברים, דאָס אהבת־ישראל־געפיל, די ליבשאַפט צו פּראָסטקייט און אַרבעט, צו ארץ־ישראל, צו ערד, צום מענטש און בעל־חי.

און פון אַ רעליגיעזער סעקטע צעשפּרייט און צעפּיצלט איבער דער גאַנצער וועלט, פון דעם „יהודי בביתך״ איז געוואָרן אַ פאָלקסטימלעך מאַסע מיט אַן אייגענער קולטור — אַ לעבנס פעאיקע נאַציאָנאַלע איינהייט.

שוין לינעצקי אין זיין פוילישן יינגל האָט שוין אָנגעהויבן דעם גראַנגל מיט זיך אליין און דער מלאך־טוב אין אים איז אים ביי געקומען.

און ווען ווערט מענדעלע דער גרויסער שרייבער, ווען ווערט זיין נוסח לעבעדיק באַוועגלעך — א בריה בפני עצמה ! — ווען ער דערפילט עס דערציילעריש אינם ר׳ אברהם־קאַפּיטל אין „ווינטשפיגערל״, און ביאָגראַפיש דערציילט ער עס בפירוש אין „שלמה ר׳ חיימס״.

און ביאַליק איז נישט דער גרויסער אין זיין „המתמיד״ און נישט אין זיין „נביאיש״ ערשט ווען ער דערפילט דאָס אוקריינישע נאַטור־געפיל, יידישלעך־

חסידיש.

און וואָס איז שלום עליכמס שמחה־געלעכטער, זיין טביה־בטחון, אויב נישט „פון כאַסאַלאָוויטש ביז לובאַוויטש", ביז — „ר' דודל פון טאַלנאָ".

פון דר. באַרדיטשעווסקי'ס גאַנצע אייראָפּעאישע חכמה וואָלט נישט קיין סך געבליבן ווען נישט זיין פּנימיותדיקער אינסטינקט זיך צו ראַטעווען מיט זיינע חסידישע דערציילונגען.

מיט אירע חכמי בראָד און מיט עסטרייכישע דאָקטוירימלעך האָט גאַליציע עס אַביסל שווערער געהאַט. זיי האָבן געמוזט איבערקומען אַזעלכע ליכטיקע השכלה־ריזן ווי פּערל און בראַנדשטעטער, ביז זייער חסידות־נעגאַטיוו איז אויסרעטושירט געוואָרן אין אַן עגנון און מצקר.

און נישט נאָר איבערן היימישן ירדן, נאָר איבערן אָצעאַן אַריבער זיך פערפלאַנצט מיט „פוילישע וועלדער". און ווער קאָן זיי אַלע אויסרעכענען די אַלע וואָס טרונקן פון דעם לויטערן מים־חיים־קוואַל, וואָס רינט אַזוי מוטנע־סודותדיק, אַזוי קריסטאַל־לויטער פון „צווישן די צוויי בערג", און שלענגלט זיך אַזוי הימל־טייכלדיק צעגלאַנצט פון מאָטנעם „מבית הרבי" ביז צו „די גאָלדענע קייט" — צעקלונגען מיט די בין־השמשותן פון אונזער אויף־און אונטער־גאַנג.

י. ל. פּרץ דער דיכטער פון „חסידיש" איז דער קלאַסיקער — דער קונסט־און קולטור־פאָרמער פון אַן אייגנאַרטיקער אייגענער יידיש־אייראָפּעאישער שעפערישקייט — וואָס אַז מען הייבט איבער אים אָן צו ריידן איז „אין גומרים עליו את ההלל".

אויף מענדעלען, דעם באַשאַפער פון נוסח, זאָגט מען, דער יידישער סערוואַנטעס, גאָגאָל, דיקנס; אויף שלום עליכמען, דעם געניאַלן הומאָריסט — טשעכאָוו, מאַרק טווען. און דווקא פּרץ, וואָס שטייט אַזוי שטאַרק אונטער אַזוי פיל איינפלוסן, איז דווקא ער אויף אַלע זיינע געביטן, אָנגעהויבן פון זיין רעאַליסטישע סקיצע, ליד און פעליעטאָן, ביז זיינע דראַמעס, פאָלקסטימלעכע מעשיות און חסידיש — דער נישט פאַרגלייכלעכער. דער יחיד במינו אין זיינע אַלע „כל המאמינים שהוא".

פּרץ איז נישט קיין יידישער ליטעראַט וואָס מאַכט ליטעראַטור אויף יידיש —זיין שאַפן איז נישט קיין פאַריידשטער ככל הגוים; ער איז נישט אַזוי און אַזוי, אפילו ווי דער גרעסטער גוי — — ער כאַפּט נישט קיין פיש אין פרעמדע טייכן און פילט זיי אַן יידישלעך, אַז זיי זאָלן זיין געשמאַק צום נומען און האָבן אין זיך כל הטעמים מיט ציבעלע און מערן צימעס. טאַקע אַזוי ווי אונזער זיידע דער פיקח האָט עס אַזוי קלוג געקענט און דאָס איניקל נאָך באַטעמטער און געשמאַקער — פּרץ שאַפט פון יידישקייט, פון אונזער ספּעציפישן אייגענע פאָרעם.

פּרץ כאַפּט נישט שריים ביים פרעמדן טיש, ער פירט אַליין טישן, ער שניידט גרויסע המוציאס פונם אויפגעגאַנגען שבתדיקן קוילעטש: „רבותי מיר וועלן בענטשן".



פון געדאַנקן־בליצן־צירופים פון רמזים־ראשי־תבות פלעכט ער צוזאַם זאַצן — יידישע מחשבה פאַר־טיפסטע אין ווערטער. ער פינטלט זי מלעיל ומלרע.

פון טויזנט איינפאַלן און פאַרבליפטקייטן שטעלט ער צוזאַם איין וווּנדערלעכע גאַנצקייט. זיין מעשה בתוך המעשה איז די פאַרלאָפענע מעשה נורא פון מעשה בראשית.

פּרץ דער פאָטער פון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור און יידישער קולטור איז תופס אין זיך אַלע פּראָבלעמען און ספקות פון דער מאָדערנער וועלט, אָבער ער לייגט זיי באַדאַכט אַריין אינם יידישן טאַבעק־שקעטעלע, „הדק היטב" — — און ווי בשמימדיק־באַהיט ער נעמט אַרויס יעדן שמעקטאַבאַק מיט „קושעלעך" פון קינסטלעריש־פילנדיקע פינגער און מיט וויפל כוונה ער שטופּט זיי אין אַ יידישער נאָז אַריין, ממש מיט דער חכמה פונם „כעלעמער מלמד" — מיט אַזאַ היימישע גוט־ברידערישע עכטקייט, אַ די גאַנצע סאַטירישער חוזק פאַלט אַוועק.

מיט שלום עליכמס פאָלקלאָר־עכטקייט און מיט מענדעלעס סקאַרבאָווּנעם נוסח וואָלט מיר געבליבן אַ פּעדעמל איינגעוועבט אין דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע — מיט פּרצן וועלן מיר זיך ראַנגלען ביז דער מאָרגנשטערן וועט אויפגיין, אינם נעץ פונם קריסטלעכן קולטור־קרייז מיט אַ ספּעציפישער אייגענער פאָרעם ביז מיר וועלן אַרויס מיטן גרויסן רחמים־נצחון און די נצחיות־געבענטשטע.

מענדעלע איז שבכתב, שלום־עליכם — שבעל־פה, פּרץ איז „מקובלים"־ניגון; עס איז ווידער באַנייט געוואָרן די מסורה פונם סיני־ניגון ווי התלהבות שטורעמדיק און ווי פּנימיותדיק־שטיל.

ווי גרינדלעך אויסגעכשרט ווי יידישלעך־געטובלט זיידע מענדעלע האָט נישט די ליטעראַרישע כלים, זיינען זיי דאָך איבערגענומענע, דערפאַר האָבן מיר פאַר אים געפונען אַזוי לייכט דעם שם־הכולל וואָס נעמט אַרום זיין ליטעראַריש־שעפערישע לעבנס אַרבעט; מיר האָבן אויך איבערגענומען דאָס טעכנישע וואָרט — דער סאַטיריקער. מיט אונזער גרויסן שלום עליכמען האָבן מיר עס נאָך לייכטער — דער הומאָריסט! דער גרעסטער הומאָריסט אינם 20סטן יאָרהונדערט!

פאַר פּרצן וויפיל טעכנישע ווערטער מיר זאָלן נישט ברויכן וועלן מיר מיט ווערטער אים נישט „סימבאָליזירן"; גיי געפון טעכנישע ווערטער פאַר אינערלעכע התפעלות, פאַר נשמהדיקער התלהבות — פאַר די פּנימיות פון אַ פאָלק, פאַר זידיקן דם התמצית וואָס פאַרעמט זיך אין לעבן.

פאַר אָביעקטן האָבן מיר נעמען! סוביעקטיוו גריבלט מען זיך אין דער טיף, מען פאַרלירט זיך אין די תהומות.

פונקט ווי „חסידיזם" מיינט נישט מוסרניקעס, בעלי מידות — דאָס אַלץ קאָן נאָך זיין אויסערלעך!

מיט פּרצעס „פאָלקסטימלעכקייט" און „חסידיש" הערט אויף טענדענץ־

ליטעראַטור, מגידות פון שטענדער אַראָפ, שטראָפנדיקע סאַטירע, בדחנות וויציק־סקיציק־געקיצל — דאָס לעבן פון פאָלק הייבט זיך אָן צו פאַרמען אין שיינקייטן; קוביסטיש צעגלאַנצטע געקאַנטיק קריסטאַלן געפאַסט אין גינגאָלד; סימעטריש־צעבליטע קוויטן געבונדן אין בוקעטן — ווי רייך איז אויפגעגאַנגען דער זוימען! דער וווּנדער אַליין, פון זיך שאַפן אַ יידישע ליטעראַטור וועט זיך אַמאָל דערציילן ווי אַ וווּנדערלעכע מעשה שהיה.

„שבחי הבעל שם“, דעם בערדיטשעווערס ליד, ר׳ נחמנס׳ מעשות, דעם קאָצקערס אַ גלייכווערטל, זיינען געווען דער בראשית פון באַוווסטער קינסטלערישער און פילאָזאָפישער פאַרטיפונג פון דער יידישער פאָלקס־מעשה און פאָלקלאָר, נישט נאָר אויף דער אויבערפלאַך פון רעליגיעזער פרומקייט. די באַוועגלעכע הועיות און באַלעבטע תניעות האָבן געמאַכט אמתדיק, די האַנדלונג אין דער מעשה.

מיטן אופן פון דערציילן אַ חסידישע־מעשה, מיט מטעם זיין און הנאה האָבן פון יעדן וואָרט, און מיטן שאַרפן זיך צוהערן פון די אַרומשטייענדיקע, מיט זייער בוכשטעבלעכן גלויבן, איז די פאָלקס מעשה דערהויבן געוואָרן צום קונסטלערישן אמת.

ווי אַ קוואַל וואָס שטראָמט באַרג אַראָפ און אויפן וועג צווישן שטרויכלגעשטיין טרעפט ער אָן אַ צווייטן און זיי שטראָמען צוזאַם אין איין גרויס־ברייטן כוואַליעדיקן טייך, אַזוי איז די שאַפונג פון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור.

פרצעס „פאָלקסטימלעך“ און „חסידיש“ זיינען די צוויי גן־עדן שטראָמען וואָס ציען זייער קריסטאַלענע קלאָרקייט אין אונזער שטיינער וואַרפנדיקן סמבטיון־טייך, פון איין ברעג ביז צום צווייטן.

פון יוסף פערל, צווייפל, מאַרטין בובער, ביז יהודה שטיינבערג־באַרדיטשעווסקי, ווי האָט זיך געלייטערט דער טייך און אויסגעברייטערטער — פרץ האָט אים דערזען אין זיין אספקלריא המאירה און אים אַריינגעפירט מיט זיין פאַרטיפטקייט פון „כל הנחלים הולכים אל הים“. אַזוי איז אונזער מאָדערנע ליטעראַטור געוואָרן אַ טייל פון דער וועלט־ליטעראַטור.

ביים גרויסן און עכטן קינסטלער אַרבעט דער נעגאַטיוו מיטן פאָזיטיוו בהעלם אחת און וואָס ער שאַפט איז נישט מער איינזייטיק, — משכליש אָדער ראָמאַנטיש! — אין דער סודותדיקער פינסטער־קאַמער פון פסיכישער מיסטיק ווערט דאָס געהירן־דערזעענע אַדורכגעאַרבעט אין ליכטיקן האַרץ.

פרץ וואָלט נישט געקענט אַזוי אָנפילן מיט ירושהדיקן תוכן און צייטמעסיקע פראָבלעמען זיינע גרויסע געשטאַלטן, ווען נישט זיין טיפע און גרויסע פערזענלעכקייט, צו דערפילן די ליבשאַפט צום פראָסטן פאָלק.

דער דריטער קלאַסיקער אונזער שטאַמט פון יענעם טייל מזרח־איראָפע, וואו דאָס חסידות האָט שוין אויפגעהערט צו זיין קעמפערישע סעקטע, סקאַרבאָווער נוסח פון „גוטע יידן“, עס איז שוין געווען לעבנס שטייגער און פאָלקס עקסיסטענץ אין טאָג־טעגלעכן — ווי טיף דער מצב, אָבער ניוואָ!

און איבער דעם ים פון די טיפסטע סאָציאַלע און פילאָזאָפישע פראָבלעמען פאַרשפרייט ער די וווּנדערלעכע רויטע פאַטשיילע און בשלום שווימט



ער אַריבער „מעשה נסים“ אַלע געפאַרן.

שוין אין זיינע רעאַליסטישע סקיצן ברויכט ער נישט פלאַסטיש צו מאָלן — אַלץ ווערט ביי אים נשמהדיק בולט; „אַ קאַסטן גייט אויף פיר פיס“ און פאַר אונזערע דערוואַרעמטע אויגן שטייט דער האַרעפאַשניק פון „שלום בית“. זיין „טוביה“, „לאָזט בלויז אַראָפ די פאָלעס“ אין זיינע „זיבן גוטע יאָר“ און דאָס גאַנצע איבערמענטשלעך געטלעכע ווערט אַזוי פשוט מענשלעך — נחתדיק, און נאַטירלעך הייליק. אויב נישט נאָך טיפער ווערט די יידישע נשמה אין זיין רעאַליסטישע דערציילונג „אין אַ קעלער־שטוב“.

מיט פרצעס חסידישע דערציילונגען איז די יידישע ליטעראַטור פושט צורה ולובש צורה — מיטן חסידישן ניגון, מיטן רבישן גלייכווערטל באַשאַפט פרץ אַ נייע קונסט־פאָרעם וואָס שטייט איינציג אין דער וועלט־ליטעראַטור.

מיט אַ „גילגול פון אַ ניגון“, „צווישן צוויי בערג“, „יוחנן מלמד׳ס מעשהלעך“ באַקומט די נביאה, די השגה פון גאָט, יידישע מידות קינסטלערישע רעאַליטעט.

און ווי ביי אַלע גרויסע שאַפונגען, וואָס ביי זיי איז געזאָגט געוואָרן „הרבה פנים לתורה“ — און דאָס איז זייער אייביקייט! — קאָנען זיך מיט באָנטשעס בולקע מיט פוטער זעטיקן אַלע אונזערע דורות. די סתירהדיקייט וואָס שטעקט אין איר איז איר מיסטעריע — די מיסטעריע פון מענטש! פרצעס סאַטירע האָט אין זיך די גוטסקייט פון גרויסן בעל שכל.

מיט מענדעלע, מיט שלום עליכמען און מיט אונזערע ערשטע פאָעטן האָט אונזער יידישע ליטעראַטור נאָך געהאַט אַ ברירה אויפצוהערן, זיך צו ענדיקן — ענדערן זיך דאָך אויך עפאָכעס!

מיר האָבן געטון אונזערס, מיר האָבן אויסגעלאַכט, געלאַכט! מיר האָבן געוואָלט מיט כוח ענדערן און געוואָלט העלפן ענדערן — אַריבער ראַטעווען אויף יענער זייט סמבטיון, צו די קליינע יידעלעך.

מתנגדות פירט צו ראַציאָנאַליזם: פישקע, „אַ בראָך אין זיינע ביינדעלעך“! און טביה זיך שוין אָפראַטעווען מיט זיין בייטשפאַרטייטשן פסוק — כאָטש אַ היי אין סידור!

אויף פאַר זייער אייגן האָב און גוטס האָבן זיי משכיליש געזאָרגט. מענדעלע האָט געניאַל אַליין איבערגעגאָסן זיין שאַפן פון איין כלי אין אַנדערער כלי, און אויף שלום עליכמס שאַפן איבערגעזעצט פון זיין איידעם קאָן מען אויך זאָגן דעם פסוק „כי טובים דודך מיין“. מיר האָבן געטון אונזערס — באַין ברירה!

ביי זיי, ביים זיידן, אַפילו ביים אייניקל איז יידישע קולטור, יידיש לשון נאָך אַ כלי, אַ טייער כלי, געוואַלטיק ניצלעך: „לאַכן איז געזונט“, ביי פרץ איז עס שוין אויסגעהעמערטע פאָרעם פון האַרץ צו האַרץ.

שוין אין זיין ערשט ליד „מאָניש“, אין זיין „מרת חנה“, הילכט די ליבע ווי קיינמאָל נישט אין דער יידישער דיכטונג — עס איז „שמחה במעונו“.

מיט זיין „חסידות“ ווערט פרץ דער טאַטע פון אונזער מאָדערנע ליטע־

ראַטור — אונזער ליטעראַטור קריגט כוח גברא. התלהבות, שמחה; פירט צו פרוכפּערדיקע פאָרעם, צו קולטור־געזעלשאַפטלעכקייט, צו קונסט־גענוס.

מיט פּרצן הערט אויף גלופּסק און קאַבצאַנסק, מיר הערן אויף צו זיין נאָמענלאָז אונזערע שטעטלעך באַקומען זייערע אייגענע נעמען — דאָס קלײנסטע שטעטעלע און זיינע ערשטע סקיצן שוין. ביי פּרצן אין שטוב שאַפן זיך אונזערע ערשטע שטעטלעך אַש׳ס און וויסנבערגס. אונזער מאָדערנע פּראָזע און פּאָעזיע ווערט של מעלהדיק מיט דער הייליקייט פון אונזערע שטעטלעך. מיט פּרצן גייען מיר אויף אונזערע אייגענע חורבות זינגענדיק און טאַנצדיק, שבת יום טובדיק.

פּרץ איז דער טאַטע פון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור און קולטור מיט זיין שאַפן, מיט זיינע מעשים, מיט זיין פּערזענלעכקייט.

*     *     *

ווי מ׳רעדט איבער אַ מענדעלע שבעל־פּה, מוז מען ריידן איבער אַ פּרץ־שבמעשה. וואָרים אַ מאָדערנע יידישע קולטור־טעטיקייט הייבט זיך ערשט אָן מיט פּרצעס איניציאַטיוו און אַקטיווקייט. די גייסטיקע נפילה אויף דער יידישער גאַס הייבט פּרץ אויף, מיט זיין „מיין נישט אז לית דין ולית דיין". „די וועלט איז נישט קיין קרעטשמע". די גריכיש־סאָקראַטישע סעודות־דיסקוסיעס האָבן זיך יידישלעך פאַרטייטשט מיט זיינע „פירנדיקע טישן" — — דער גייסטיקער אינטעלעקטואַל איז זיך מיחד מיטן עולם: קעסטל־אָוונט, טאַטער־סטודיע, הזמיר, קינדער־היים. און פאַר יעדן מתבודד שטייט אָפן די טיר.

שוין באַלד אַ האַלב יאָרהונדערט ווי י. ל. פּרץ איז נישט דאָ מער מיט אונז. אָבער על פּי נס איז געבליבן שטיין דער „פּרץ־אוהל", ווו נישט איין מאָדערנער וועלטלעכער ייד, און ליטעראַטן און אינטעלעקטואַלן וואָס באַזוכן פּוילן גייען אַהין דאָרט אויסגיסן זייער האַרץ, לגמרי גאָרנישט קיין סך אַנדערש ווי די טויטע־חסידים אויפן אוהל פון זייער ר׳ נחמנען. ניין, די מסורה פון חסידות איז נישט איבערגעריסן; אפנים אַז אייגענע שעפערישע פאָרעם איז מחייב צו אייגענער אוניפאָרעם.

## די שפחה

(פאַר נחמן רובין, דעם אדמיניסטראַטאָר פון „לשון און לעבן",
צום ווערן אַ בן ששים)

צוגעשניטן, געפּאַסטריגעט, געדזשאָבעט,
מיט דער מאַשין געשטעפּט, מיט די הענט געניייט,
צוגעפּרעסט שוין מינדסט פעלדל ווי קונציק פיין —
פערטיק דאָס מלכותדיקע חופּה־קלייד.

אָבער ווער זאָל עס דען אָנטאָן, און נאָך וואָס,
אַז קיין חתונה וועט סיי ווי נישט זיין;
דער חתן נישטאָ, טויט צי גאָר אַנטלאָפן,
כלה־עגונה אויף אייביק אַליין.



קענען מייז צעגריזשען, מילבן צעפרעסן,
מיט אַזויפיל פרייד דאָס קלייד אויפגענייט?
וויפיל טרערן, וויפיל בענקשאַפט־פיין — —
אַ חופּה־קלייד פאַר גאָט און פאַר לייט!

אַ שיפחה געוועזן און אַ שיפחה זי בלייבט,
און איין־אַליין, שפּעט אין קיך זי וועט שטיין,
איר קופּערט גיט זיך אָן עפּן אויף אַליין,
און איר האַרץ געטרייסט פון אַ זיס געוויין.

## שלום אש

(צו דער דריטער יאָרצייט פונם גרויסן שרייבער)

פון ניצאַ, מיאַמי־ביטש און בת־ים,
איז ער גאָר שטאַרבן געקומען דאָ אַהער?
מסתם, זיך צו שיידן מיטן לעבן,
ווי אין יענע שטעט, איז דאָ נישט אַזוי שווער.

די זון, דער ים — איין צעכוואַליעטע פרייד!
ערשט מיט יידן אין בויענדיקן ישראל!!
ווי עס קאָכט דאָס לעבן, עס זידט, עס שווימט,
און אָט דאָס אַלץ צו פאַרלאָזן אויף איינמאָל.

דאָ איז אַלצדינג אַזוי נעפּלדיק קלאָר,
צומאָל דער טויט גייט דאָ זיין נאָרמאַלן גאַנג!
געמיטלעך־אומשטערבלעכער אומבאַדינג — —
צוריק אין גאָטס דזשונגל ס׳גייט אוראַנג־אוטאַנג.

## צו מאַקמילאַנ׳ס נסיעה קיין דייטשלאַנד

אויב טשעמבערליין דעמלט געפלויגן צו היטלערן,
פאַרוואָס נישט מאַקמילאַן צו אַדענאַוערן איצט?
אַ וווּנדער די גרויס פריינטשאַפט פונם אַנגלאָ־זאַקסאָ,
אַז דער ייד בן־גוריון, דער גערמאַניאַק, אַזוי שוויצט.

און אויב מאַקמילאַן דעם שירעם נישט מיטגענומען,
טאָ וועט אים שוין פון זיין פריינט באַשירעמען זיין גאָט!
ראש־גלותא כולו־סוף, בן־גוריון פילאָסאָף,
גאָט באַשירעם אים! ווער ווייסט צי ער איינעם נאָך האָט...

ביבל־קריטיקוס, פּראָפעסערוס דער געשיכטוס,
אַזאַ וואָס לאָזט דעם שירעם אין יעדן ווינקל שטיין,
אַז אפילו דעם „זכור לא תשכח" פאַרגעסן — —
נעבעך אָן אַ שירעם צומאָל אונזער טשעמבערליין.

י. ריכטיגער

# יידישע פילאזאפיע און טראדיציע
## דער תמצית פון תורת משה

דריי עפיזאדן ווערן איבערגעגעבן אין דער גמרא כדי צו באווייזן, אז א דאנק דער סבלנות פון הלל הזקן איז אים געלונגען צו ברענגען געצנדינער „תחת כנפי השכינה: זיי זאלן ווערן יידן, וואס שמאי האט זיי געהאט אפגעש־טויסן. אין איינעם פון די עפיזאָדן ווערט דערציילט: „אַ גוי איז געקומען צו שמאי און האט געזאגט—איך וויל ווערן א ייד בתנאי דו זאלסט מיך אויסלערנען די גאנצע תורה שטייענדיק אויף איין פוס, האט שמאי אים פארטריבן פון זיך מיט זיין שטעקן. איז דער גוי געגאַנגען צו הלל און אים דאָס זעלבע געפרעגט, האט הלל צו אים געזאגט — „דעלך סני לחברך לא תעביד, זו היא כל התורה כולה ואידך פירושה הוא, זיל גמור״: וואס דיר איז פיינד זאלסטו ניט טוען צו דיין פריינד, דאס איז דער תמצית פון דער גאנצער תורה און איר אינהאלט איז די דערקלערונג, גיי לערן״. (שבת ל״א)

מען דארף וויסן, אז אין דער צייט פון הלל הזקן איז דער קולטורעלער געראנגעל צווישן די יידישע סעקטען זער פארשארפט געווארן, די איסים — די פארלויפער פון קריסטענטום — האבן דעמאלט אויפגעגעבן זייער דורות לאנגען אסקעטיזם און געווארן א מיליטאנטישע פארטיי. די סיבה דערפאר זאל האָבן געווען אַ נביאות פון זייער מנהיג, ווען הורדוס איז געווען אַ יונגל, האט אים איינמאל אויפן וועג צום חדר באגעגענט „מנחם״, דער מנהיג פון די איסים, און אים באגריסט אלץ דעם צוקונפטיקן יידישן מלך. דער קליינער הורדוס האט געמיינט אז מנחם לאכט פון אים אדער האט זיך טועה געווען, און געענטפערט — איך בין ניט קיין פרינץ. האט מנחם שמייכלדיק אים געגעבן א קלאפ אויפן רוקן און געזאגט צו אים — ווען דו וועסט ווערן מלך דערמאן זיך דעם קלאפ, בעתן פאראויסזאגן דיר דיין גוטן מזל, כדי דו זאלסט ליב האבן גערעכטיקייט, מורא האבן פארן אלמעכטיקן און מיט רחמנות באהאנ־דלען דיינע אונטערטאנען. (יוסיפון־פלאוויוס „דער אלטערטום פון די יידן״ בוך 15, קאפ. 10, פאר. 5)

ווען הורדוס איז אויפגעוואקסן און האט פארכאפט די ממשלה איבערן יידישן פאלק פון די חשמונאים, האבן די פרושים, אונטער דער הנהגה פון די חכמי התלמוד, אים ניט געוואלט אנערקענען אלץ מלך, ווייל תורת משה האט באפוילן — „מקרב אחיך תשים עליך מלך״: פון צווישן דיינע ברידער זאלסטו מאכן איבער דיר א מלך, טארסט ניט געבן די מלוכה צו א פרעמדן מאן וואס ער איז ניט דיין ברודער. (דברים י״ז) און הורדוס האט געשטאמט פון די אדומים, וואס די חשמונאים האבן זיי געצווינגען צו ווערן יידן, איז ער דערפאר גענעאלאגיש געווען א פרעמדער און ניט געקאנט זיין א מלך איבערן יידישן פאלק. (יוסיפון־פלאוויוס „דער אלטערטום פון די יידן״ בוך 13, קאפ. 9, פאַר. 1, און בבא בתרא נ״ד) האָט זיך הורדוס דערמאָנט די נביאות פון מנחם און אים פארבעטן צו זיך. ווערט איבערגעגעבן אין די תלמודים — „יצא מנחם



ונכנס שמאי״: מנחם, דער חבר פון הלל הזקן, האט פארלאזט דעם בית המדרש און שמאי איז ארייגעגאנגען אויף זיין פלאץ, מנחם מיט הונדערט און זעכציק פון זיינע תלמידים זענען אויסגעגאנגען צו תרבות רעות: זיי האבן פארלאזט דעם בית המדרש, זיך אנגעטוען מיליטערישע קליידער און געהאלפן אונטער־דריקן דעם אויפשטאנד פון די פרושים. (ירושלמי חגיגה פ״ב ה״ב, בבלי חגיגה ט״ז)

דעריבער איז מען בארעכטיקט אנצונעמען אז דער עפיזאד מיטן גוי האט דעמאלט פאסירט, ווייל די איסים האבן אנגעהויבן אנלאקן מענטשן פון אנדערע קולטן צו זייער אמונה מיט דער איינרעדעניש, אז דער תמצית פון זייער גאנצער תורה איז — „ואהבת לרעך כמוך״: זאלסט ליב האבן דיין פריינד ווי זיך אליין, וואס מען קאן אויסלערנען שטייענדיק אויף איין פוס. א באוויז איז, וואס זיי האבן אנערקענט הורדוסן אלץ מלך, און מען זעט דאס אויך פון די אנדערע צוויי עפיזאדן וואס האבן דעמאלט פאסירט. — דער ערשטער גוי האט געוואלט בלויז גלויבן אין תורת שבכתב, ניט אין תורה שבעל פה, און דער לעצטער גוי האט געוואלט ווערן א כהן גדול, וואס איז געווען אין הסכם מיט דער לערע פון די איסים אז אליין תורת משה און די נביאים זענען הייליקע ספרים, און יעדער איינער פון זיי האט א רעכט געהאט צו ווערן זייער לערער און גייסטיקער מנהיג. (פילון היהודי „כתות מני קדם״)

עס איז אויך נויטיק צו באטאנען אז דער „דעלך סני לחברך לא תעביד״, וואס הלל הזקן האט געזאגט צום גוי, איז ניט פון אים פארפאסט געווארן, דער מאקסים געפינט זיך אין אפאקריפישן ספר טוביה, אין דער צוואה פאר זיין זון האט טוביה צווישן אנדערע עצה טובות פארצייכענט — „את השנוא לך אל תעשה לעמיתך״: וואס דיר איז פיינד זאלסטו ניט טוען צו דיין פריינד, (טוביה ד׳) און הלל הזקן האט אנגעוויזן אז דער געדאנק פון דעם אלטן מאקסים איז דער תמצית פון דער גאַנצער תורה. עטליכע מפרשים באַהויפטן אַז הלל הזקן האָט באַנוצט דעם אַלטן מאַקסים, כדי דעם גוי צו געבן אַ נאַציאָנאַלן כלל פאַר די „מצוות לא תעשה״: פארבאטן פון תורת משה, ווי א שטייגער דער „לא תרצח, לא תנאף, לא תגנב״ און דעסגלייכן, וואס זענען דער רוב פון די געזעצן אין תורת משה. אבער הלל הזקן באטאנט „זו כל התורה כולה״: דאס איז דער תמצית פון דער גאנצער תורה, ניט א רוב פון דער תורה. אחוץ דעם, פארוואס האט הלל הזקן געזאגט צום גוי „גיי לערן״, אויב די קריטעריע צווישן גוט און שלעכט איז זיין אייגנער געפיל האט ער דאך ניט נויטיק צו לערנען? און די חכמי התלמוד זענען טאקי געקומען צו דער מסקנא, אז דער ראציאנעלער כלל פאר די מצוות לא תעשה איז ניט דעם מענטשס געפיל, נאר — „זה ספר תולדות אדם . . . בדמות אלהים עשה אתו״: ווייל דער אַלמעכטיקער האָט געמאכט דעם מענטש אין זיין גלייכעניש. (בראשית ה׳, ספרא קדושים י״ב־הראב״ד, ירושלמי נדרים פ״ט ה״ג)

אין ליכט פון די געשיכטליכע פאקטן מוז מען אננעמען, אז הלל הזקן האט מיט זיין תמצית באקעמפט די מיסיאנערישע מעטאד פון די איסים, און מחמת

דער עפיזאד האט פאסירט מיט א גר: א ניט־יידישן איינוווינער אין ארץ ישראל איז לייכט צו געפינען דעם מקור פון ווו הלל הזקן האט גענומען, אז דער אייגנער געפיל דארף זאגן — מען זאל ניט טוען דאס וואס די איסים האבן געטוען. תורת משה האט זעקס און פירציק מאל געווארענט, אז מיר זאלן ניט די פרעמדע, וואס וווינען אין ארץ ישראל, באליידיקן אדער אונטערדריקן וועגן זייער דענקן און גלויבן. מיר דארפן באגרייפן דעם געמיט צושטאנד פון פרעמדע, ווייל ווען די בני ישראל זענען געווען גרים אין לאנד מצרים האט מען זיי באליידיקט און אונטערדריקט וועגן דעם, וואס זיי האבן זיך ניט געוואלט אסימילירן. (בבא מציעא נ״ד, ויקרא רבא פל״ב־ה׳) און אזוי ווי דער לייטמאטיוו פון תורת משה איז יציאת מצרים: די באפרייאונג פון מצרישער באליידיקונג און אונטערדריקונג, האט הלל הזקן דערפון געדרינגען אז דער תמצית פון תורת משה איז אן אנטיטעז צו דער מצרישער אומטאלעראנץ, — מיר יידן זאלן ניט צווינגען אדער אנלאקן אנדערע אנצונעמען אונזער דענקן און גלויבן, ווי די איסים טוען, ווייל ווען די בני ישראל זענען געווען גרים אין לאנד מצרים האבן זיי פיינד געהאט וואס מען האט זיי אנגעלאקט און געצווינגען אנצונעמען דעם מצרישן דענקן און גלויבן — און ער האט דעם תמצית פארמולירט מיט דער הילף פון דעם אלטן מאקסים „דעלך סני לחברך לא תעביד״. אבער מחמת צו וויסן דעם זינען פון תמצית איז נויטיק געווען צו לערנען, האט הלל הזקן ווייטער געזאגט צו גוי: „און דער אינהאלט פון תורת משה איז די דערקלערונג אויף דעם תמצית״, דעריבער „גיי לערן״ אויב דו ווילסט ווערן א ייד.

אמת לויט די קריטישע פארשער זאל הלל ניט האבן געגעבן צו דעם תמצית קיין אנדערן באטייט ווי דער פשוטער טייטש, פראפ. קיטטעל באהויפטעט, אז וועגן דער דעליקאטקייט פון חילוק צווישן דעם פאזיטיוו „ואהבת לרעך כמוך״ און דעם נעגאטיוו „דעלך סני לחברך לא תעביד״ האט מען אין דער אלטער צייט ניט געוווסט דעם אונטערשיד אין זייער באטייט, און דערפאר זענען זיי אין דער אלטער קריסטליכער ליטעראטור כאאטיש באנוצט געווארן. (מאנטעפיארע „די רבנישע ליטעראטור און דער נייער טעסטאמענט״ ז. 151) אבער ווען מען איז זיך א ביסעל מטריח נאכצוקוקן אין די ווערק פון יענער צייט, זעט מען, אז די פארפאסער פון נייעם טעסטאמענט האבן בכיוון פארענדערט דעם נעגאטיווען מאקסים פון ספר טוביה — „את השנוא לך אל תעשה לעמיתך״ אין א פאזיטיוו: „וואס דו ווילסט מען זאל טוען צו דיר זאלסטו טוען צו אנדערע״, כדי צו געבן א קלארע אינטערפרעטאציע צום „ואהבת לרעך כמוך״. (מתתיה קאפ. 7־12, לוקע קאפ. 6־31) און יונתן בן עוזיאל, דער גרעסטער פון הלל הזקנס תלמידים, האט באנוצט דעם נעגאטיוועו מאקסים פון ספר טוביה צו קאמענטירן דעם פאזיטיוו פון תורת משה. דעם „ואהבת לרעך כמוך״ האט ער איבערזעצט אין ארמיש — „ותרחמיה לחברך, דמן אנת סני לך לא תעביד ליה״: זאלסט ליב האבן דיין פריינד, וואס דיר איז פיינד זאלסטו ניט טוען צו אים, און דעם „ואהבת לו (לגר) כמוך״ האט



ער איבערזעצט — „ותרחם ליה כוותך, דמא את סני לך לא תעביד ליה״: האב ליב דעם פרעמדן ווי זיך אליין, וואס דו האסט פיינד זאלסטו ניט טוען צו אים, (ויקרא י״ט, תרגום יונתן בן עוזיאל) וואס איז ניט כאאטיך.

פאקטיש איז דולדן אדער ניט דולדן דעם אנדערנס דענקן און גלויבן דער פונדאמענטאלער אונטערשיד צווישן קריסטליכן און יידישן וועלט באנעם. די געשיכטע פון קריסטענטום זאגט עדות אז זינט די פארפאסער פון נייעם טעסטאמענט האבן דעם „ואהבת לרעך כמוך״ אינטערפרעטירט „וואס דו ווילסט מען זאל טוען צו דיר זאלסטו טוען צו אנדערע״, האט זי יחידים און פעלקער אנגעלאקט מיט איינרעדעניש אדער געצווינגען מיט אינקוויזיציע אנצונעמען איר דענקן און גלויבן. ווי עס איז צו זען פון דעם אפיזאד מיטן גוי האבן די איסים, די פארלויפער פון קריסטענטום, אנגעהויבן די מיסיאנערישע טעטיקייט. זיי האבן ארויסגעדרינגען פון דעם „ואהבת לרעך כמוך״ אז עס ליגט א חוב אויף זיי מזכה צו זיין יעדן איינעם מיט זייער דענקן און גלויבן, אזוי ווי זיי זענען מחויב צו העלפן יעדן איינעם מיט זייער האב און גוטס. די סיבה דערפאר איז געווען, וואס זיי האבן געגלויבט אז דער סובסטאנץ פון דער חושימדיקער עקזיסטענץ איז אן אויסשטראלונג פון געטליכער גוטסקייט אדער א געבורט פון געטליכער ליבע, וואס האט זיך קאנטראדיקטיש אנטוויקעלט דורך אן אורזינד און וועט רעהאביליטירט ווערן דורך אלגעמיינע ליבע.

הלל הזקן איז אבער געווען א מאנאטעאיסט, ער האט געגלויבט אז דער סובסטאנץ פון דער חושימדיקער עקזיסטענץ איז באשאפן געווארן פון אלמעכטיקן, וואס א דאנק איר קאנטראסטישע אנטוויקלונג אנטפלעקט זי זיך, און שלום וועט ביי איר קומען דורך קעגנזייטיקע טאלעראנץ, ווי די נביאים האבן פאראויסגעזען — „וכתתו חרבותיהם לאתים... כי כל העמים ילכו איש בשם אלהיו״: זיי וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אויף אקעראייזנס... ווייל אלע פעלקער וועלן גיין יעדער איינער אין נאמען פון זיין אלמעכטיקן. (מיכה ד׳) דעריבער ווען דער גוי איז געקומען צו הלל הזקן און האט געוואלט ווערן א ייד בתנאי, ער זאל אים אויסלערנען די גאנצע תורה שטייענדיק אויף איין פוס, אזוי ווי די איסים טוען, האט ער געזאגט צום גוי — אונזער קאמענטאר אויף דעם — „ואהבת לרעך כמוך״ איז „דעלך סני לחברך לא תעביד״: זאלסט ליב האבן דיין פריינד, וואס דיר איז פיינד זאלסטו ניט טוען צו אים. און דער מאטיוו, פארוואס מיר קאמענטירן דעם פאזיטיוו מיטן נעגאטיווען מאקסים, געפינט זיך אין דער תורה, דעריבער מוזטו צוערשט לערנען.

„אחד העם״ האט, אין איינע פון זיינע אפהאנדלונגען, אויך אויסגעפירט, אז דער פאזיטיוו איז א פועל יוצא פון פאנטעאיזם און דער נעגאטיוו — פון מאנאטעאיזם. דערפאר, באהויפטעט ער: „אויב דער גוי וואלט געקומען צו מיר און געבעטן איך זאל אים אויסלערנען די גאנצע תורה שטייענדיק אויף איין פוס, וואלט איך אים געזאגט — לא תעשה לך פסל וכל תמונה, זו כל היא כל התורה כולה: ניט מאכן זאלסטו דיר א געשניצט בילד אדער וועלכע געש־

טאלטן, דאס איז דער תמצית פון דער גאנצער תורה. מחמת די עיקרדיקע אייגנשאפט פון דער יידישער תורה, וואס אונטערשיידט איר פון אנדערע תורות, איז די אבסאלוטע שטרעבונג צו דערהייבן די רעליגיעז עטישע דערקענטעניש — די אלמעכטיקייט — איבער יעדע חושימדיקע פארעם און איר פארבינדן מיט אבסטראקטן אידעאל״... (על פרשת הדרכים „על שתי הסעיפים״) אבער אין דער טיפער באטראכטונג פון אחד העם פעלן די געשיכטליכע פאקטן, ניט די ערשטע קריסטן און ניט די איסים, זייערע פארלויפער, האבן געמאכט אפבילדונגען, און דער איינציקער חילוק צווישן זייער וועלט באנעם און דעם יידישן איז דעמאלט געווען טאלעראנץ. אחוץ דעם האט הלל הזקן מיט דעם „דעלך סני לחברך לא תעביד״ ניט אליין קאמענטירט דעם „ואהבת לגר כמוך״: אז מען דארף דולדן דעם פרעמדנס דענקן און גלויבן, נאר אויך דעם „ואהבת לרעך כמוך״: דעם דענקן און גלויבן פון פריינד, וואס איז פון יידישן פאלק און מאכט ניט קיין אפבילדער, דעריבער האט הלל הזקן ניט געזאגט — „לא תעשה לך פסל וכל תמונה״.

שמאי האט אויך מסכים געווען אז דער תמצית פון דער גאנצער תורה איז טאלעראנץ — מען זאל דולדן דעם פרעמדנס און דעם פריינדס דענקן און גלויבן. און הגם מיט זיין קפדנות האט ער פארטריבן פון זיך זיינע קעגנער, דאך אין זיינע וויכוחים מיט הלל האט ער גערולדעט הללס מיינונג, אזוי ווי הלל האט געדולדעט זיינע. אין א משנה געפינט מען רעקארדירט, אז ניט קוקענדיק אויף דער שארפקייט פון זייערע חילוקי דעות און הארבקייט פון די הלכות, דאך האט די אומאייניקייט צווישן זיי ניט געפירט דערצו זיי זאלן זיך אפזינדערן איינער פון צווייטן. איינע פון די הלכות איז געווען וועגן „צרת הבת״ — אז א ייד איז געשטארבן און ניט געהאט קיין קינדער האט א ברודער פון אים געמוזט מייבם זיין: חתונה האבן מיט איינע פון זיינע ווייבער (ווען יידן האבן געמעגט האבן עטליכע ווייבער) כדי די קינדער וואס וועלן געבוירן ווערן זאלן ירשנען זיין פארמעגן און זיין נאמען זאל ניט פארגעסן ווערן. אז א ברודער האט ניט געוואלט מייבם זיין קיין איינע פון דעם פארשטארבענעם ברודערס ווייבער האט ער איינע געמוזט געבן חליצה: א באפרייאונג, זיי זאלן מעגן חתונה האבן מיט אנדערע מענער. ווען אבער איינע פון זיין פארשטארבענעם ברודערס ווייבער איז געווען זיין טאכטער, האט די ישיבה פון שמאי געפסקנט אז ער מוז מייבם זיין איינע פון זיין ברודערס אנדערע ווייבער, און די ישיבה פון הלל האט געפסקנט, ווייל ער קאן ניט מייבם זיין די טאכטער זיינע, טאר ער אויך ניט מייבם זיין קיין אנדערע פון פארשטאבענעם ברודערס ווייבער, נאר ער מוז געבן חליצה. ווערט דערציילט אין דער משנה, הגם די קינדער פון דער פרוי וואס דער פארשטארבענעמס ברודער האט איר מייבם געווען, אזוי ווי די בית שמאי האבן געפסקנט, זענען געווען ממזרים לויט די בית הלל, און די קינדער פון דער פרוי וואס דעם פארשטארבענעמס ברודער האט איר געגעבן חליצה, אזוי ווי די בית הלל האבן געפסקנט, זענען געווען ממזרים לויט די בית שמאי, דאך האבן זיי זיך ניט אפגעהאלטן משדך צו זיין



איינער מיטן צווייטן. און ניט קוקענדיק וואס איינער האט מטהר געווען האט דער צווייטער מטמא געווען אדער וואס איינער האט מתיר געווען האט דער צווייטער געאסרט, דאך האבן זיי געגעסן איינער ביים צווייטן כדי מקיים צו זיין וואס דער נביא האט באפוילן — „האמת והשלום אהבו״: איר זאלט ליב האבן דעם אמת און דעם שלום, (זכריה ח׳) דאס הייסט: וועגן אייער אמת זאלט איר ניט צושטערן דעם שלום. (יבמות פ״א מ״ד, ירושלמי יבמות פ״א ה״ד, בבלי יבמות י״ד)

אבער ווען עס איז גרעסער געווארן די צאל תלמידים פון שמאי און הלל, וואס האבן ניט גענוג געלערנט ביי זייערע רבי׳ס די מידה פון טאלעראנץ, האט זיך פארמערט מחלוקת און קולטורעלע אפזינדערונגען ביים יידישן פאלק אזוי ווי עס וואלט געווען צוויי תורות. (סנהדרין פ״ח) איינמאל, ווען די תלמידים פון שמאי און הלל זענען געגאנגען מבקר חולה זיין חנניה בן חזקיה אין זיין אויבערשטוב, האבן זיי זיך אזוי געקריגט אז די תלמידים פון שמאי זענען אנגעפאלן אויף די תלמידים פון הלל און זיי דערהרגט, זעקס פון זיי איז געלונגען ארויף צו קומען און די איבעריקע זענען דערשטאכן געווארן מיט שווערדן און שפיזן. דער אויסקום פון דעם בלוטיקן קולטור קאמף האט אזוי שווער געפרעסט אויפן יידישן פאלק, ווי דער טאג פון מאכן דעם עגל, און עס איז איינגעשטעלט געווארן א תענית צו דערמאנען די געשעעניש, דעם ניינטן טאג אין חדש אדר. (ירושלמי שבת פ״א ה״ז, סדר רב עמרם גאון ח״ב ע״ה) נאך מער, אין דער אויטאביאגראפיע פון יוסיפון־פלאוויוס געפינט מען אז ניט אליין זייערע פריינד האבן זיי געצווינגען אנצונעמען זייער דענקן און גלויבן, נאר אויך פרעמדע — צו ווערן יידן. יוסיפון דערציילט: ווען ער האט אנגעפירט די יידישע ארמיי אין גליל, זענען צוויי עלטסטע און אנגעזעענע מענער פון די רוימער איבערגעלאפן מיט זייערע פערד, באוואפענונג און געלט צו דער יידישער ארמיי. האבן זיי די יידן געוואלט צווינגען זיי זאלן זיך מל זיין אדער פארלאזן דעם יידישן לאגער. האט יוסיפון ניט דערלויבט דאס צו טוען, ער האט געזאגט צו די יידישע סאלדאטן — יעדער איינער דארף דינען גאט לויט זיין אייגענער איבערצייגונג און ניט געצווונגען ווערן צו דינען גאט לויט א צווייטנס איבערצייגונג . . . (יוסיפון פלאוויוס „די לעבענס־געשיכטע״ פאר. 23) אבער אזוי ווי די נביאים האבן פאראויסגעזען, אז דער שלום צווישן די פעלקער פון דער וועלט וועט קומען דורך טאלעראנץ: ווען איין פאלק וועט דולדן דעם צווייטנס דענקן און גלויבן, אזוי איז געווען א קבלה אז דער שלום ביים יידישן פאלק וועט קומען דורך טאלעראנץ: ווען איינער וועט דולדן דעם צווייטנס דענקן און גלויבן. די משנה זאגט: די חכמים האבן געהאט א קבלה פון דור צו דור, „שאין אליהו בא לטמא ולטהר, לרחק ולקרב אלא לעשות שלום בעולם״: אז אליהו וועט ניט קומען כדי צו דערקלערן ווער פון די דיסקוטאנטן האט רעכט, נאר צו מאכן שלום צווישן זיי — ער וועט זיי לערנען ניט פיינד צו האבן איינער דעם צווייטן וועגן זייערע חילוקי דעות, ווייל דער תמצית פון דער גאנצער תורה איז טאלעראנץ. (עדיות פ״ח מ״ז, רמב״ם)

## עללי זילבערג

# ענד פון האלידיי

אזוי איז דאס ענד פון מיין חלום געקומען,
אַ חלום פון וועלדער פאַרצויבערט אין גרין,
פון פעלדער קאָלירטע, פאַרשאָטן מיט בלומען,
פאַרשכורט פון ריח, פון בעז און יאַסמין.

און פויגל וואָס פלעגן מיך וועקן,
קוים נאר וואס באגינען, ווען די זון הייבט אויפגיין,
און דער אייביקער רוף פון די שוימיגע וועלן,
און דער מעכטיגער הימל אַזוי ליכטיק און שיין.

אן ענד האט גענומען פון איינזאמע שטעגן,
וואס פירן און קיינער ווייסט ניט א וואו!
ווי אומעטיג גוט איז צו וואַנדלען אויף וועגן,
צו שעפן דעם נחת פון געטליכער רו.

און שווער אויפן האַרצן עס ווערט ביים זיך שיידן,
פאַרלאזן דאס דערפל, צוריק צו דער שטאָט,
פארבייטן די שטילקייט די הערליכע גערטנער,
און פילן זיך ווייטער ענטריסן פון גאָט.

## מ. קאכמאַן

# דער קלוגער בעל־עגלה

(אַ קליין מעשהלע פאַר גרויסע מענטשן)

ס׳איז געווען אַמאָל אַ בעל־עגלה. איז געקומען די צייט, ווען ער האָט דערפילט, אַז זיינע כחות פאַרלאָזן אים. האָט ער אַריינגערופן זיינע דריי בנים, וואָס האָבן אים געהאָלפן טרייבן די שקאָפּעס, וואָס ער האָט פאַרמאָגט און געזאָגט צו זיי בזה־הלשון:

— זייט וויסן, מיינע קדיש־זאָגערס, אַז לאַנג אָנטרייבן וועל איך שוין נישט. וויל איך אייך איינשפאַנען, אַז איר זאָלט זיך נאָך מיין טויט נישט רייסן ביי די בעז. וועל איך אייך שטעלן אַ קשיא, און ווער פון אייך עס וועט אַמבעסטן ענטפערן, דער וועט באַקומען די לייצעס אין די הענט אַריין.

דעם עלטסטן זון האָט ער פאַרהאַלטן און די אַנדערע צוויי האָט ער אַרויסגעשיקט פון צימער, און אים געפרעגט:

— זאָג מיר, וואָס וועסטו טון אַזעלכעס אויב דו וועסט מיט אַ שווערן וואָגן־לאָדונג אַריינפאָרן אין אַ בלאָטע? וויאַזוי וועסטו אַרויספאָרן?

— וואָס הייסט וויאַזוי? — האָט געענטפערט דער עלטסטער זון. — איך וועל זיך שאַפן נאָך אַ פּאָר פערד, צושפאַנען זיי און אַרויסשלעפן דעם וואָגן.

דער אַלטער האָט זיך אַביסל פאַרקרימט. אפנים דער ענטפער איז אים



נישט געפעלן געוואָרן.

ער האָט אַריינגערופן דעם צווייטן זון און אים געפרעגט דאָס זעלבע וואָס דעם עלטסטן זון.

— איך וועל אַראָפּנעמען פון וואָגן אַביסל משא — האָט דער צווייטער זון געענטפערט — און אַרויספירן דעם וואָגן פון בלאָטע; און שפּעטער די משא צוריק אַרויפלייגן.

אויך דער דאָזיקער ענטפער איז נישט נושא חן געווען אין די אויגן פון פאָטער, און ער האָט אַריינגערופן דעם דריטן זון.

— נו, ענטפער, דו תנא בארטעק מיינער, וואָס וועסט דו טון ווען דו וועסט אַריינפאָרן מיט אַ שווערן וואָגן אין אַ בלאָטע?

ער האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט און געענטפערט:

— טאַטע, וואָס בין איך עפּעס אַ בלינד פערד, אַז איך זאָל אַריינפאָרן אין אַ בלאָטע? אַ בלאָטע דאַרף מען אויסמיידן, וועט מען נישט דאַרפן זוכן קיין עצות וויאַזוי פון איר אַרויסצוקריכן!

דעם טאַטן איז דער ענטפער שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער האָט זיך אָנגערופן צום זון:

— דו, זון מיינער, דיר גיב איך איבער די לייצעס, און טרייב די פערד!

ווען אונזערע גרויסע פּאָליטיקער און וועלט־פאַרזאָרגערס וואָלטן געטון אַזוי, ווי דער קלוגער בעל־עגלה, וויפל צרות וואָלטן מיר אויסגעמיטן? מיר וואָלטן נישט געדאַרפט קיין שפּיצן־קאָנפערענצן, קיין אַנטוואָפענונגס־פּלענער און קיין אַטאָם־באָמבעס, און עס וואָלט געווען אַ גן־עדן אויף דער וועלט!! מ׳דאַרף נישט קריכן אין קיין בלאָטע, וועט מען נישט דאַרפן זוכן עצות וויאַזוי פון איר אַרויסצוקריכן.

הלואי זאָלן זיי דאָס מעשהלע לעזן, וועט דער גאַנצער וועלט צוקומען אַ שטיק געזונט!!

## וואלטער

# אַ מעשה מיט אַ בראַהמין

אויף מיינע נסיעות האָב איך מיך אַמאָל באַגעגנט מיט אַן אַלטן בראַהמין, אַ זקן אין טיפער עלטער, פול מיט חכמה און אַ גרויסער למדן; נאָר ווי רייך ער איז נישט געווען איז ער געווען נאָך מער חכם; און ווייל ס׳האָט אים גאָרנישט געפעלט האָט ער קיינעם נישט געדאַרפט אָפּנאַרן. זיין פאַמיליע האָט זיך גוט אויפגעפירט, מחמת זיינע דריי ווייבער האָבן כסדר זיך גענומען די מי אים צופרידנצושטעלן; און ווען ער האָט זיך נישט אַמוזירט מיט זיינע ווייבער האָט ער זיך פאַרנומען מיט פילאָזאָפירן.

אין שכנות מיט זיין שיין הויז, באַצירט און אַרומגערינגלט פון פּרעכטיקע גאָרטנס, האָט געוואוינט אַן אַלטע נאַרישע און פאַנאַטישע אינדיאַנערין, וועלכע איז אויך געווען זייער אָרים.

א געוויסן טאָג האָט מיר דער בראַהמין געזאָגט בזה הלשון:

— הלואי וואָלט איך קיינמאָל נישט געבוירן געוואָרן!

אויף מיין פראַגע פאַרוואָס, האָט ער אַזוי געענטפערט:

— ס׳איז שוין פערציק יאָר ווי כ׳האַלט אין איין שטודירן: דאָס זענען פערציק פאַרלוירענע יאָרן: איך לערן מיט אַנדערע, און אַליין ווייס איך גאָר־נישט. דאָס אַלץ פאַרשאַפט מיין נשמה אַזויפיל דערנידעריקונג און עקל, אַז דאָס לעבן איז מיר נישט מער ניחא. איך בין געבוירן געוואָרן, איך לעב אין צייט און ווייס בכלל נישט וואָס אַזוינס צייט איז. איך געפין מיך אינמיטן אַ פונקט צווישן צוויי אייביקייטן, ווי אונזערע חכמים זאָגן, און האָב קיין השגה נישט פון דער אייביקייט. איך באַשטיי פון מאַטעריע; איך דענק, נאָר כ׳האָב קיינמאָל נישט געקענט דערגיין וואָס אייגנטלעך שאַפט דעם געדאַנק. איך ווייס נישט צי מיין פאַרשטאַנד אין מיך איז אַן איינפאַכע פעאיקייט, ווי דאָס אַרומגיין, ווי דאָס פאַרדייען, און צי איך פאַרשטיי מיט מיין קאָפּ אַזוי ווי כ׳נעם עפּעס אַן מיט מיינע הענט. נישט בלויז דער פרינציפּ פון מיין געדאַנק איז מיר אומבאַקאַנט, נאָר אפילו דער פרינציפּ פון מיינע באַוועגונגען איז מיר גענוי אַזוי אומבאַקאַנט: איך האָב נישט קיין השגה פאַרוואָס איך לעב. דאָך שטעלט מען מיר יעדן טאָג קשיות אויף די דאָזיקע פונקטן. מען מוז געבן אַן ענטפער, און איך ווייס נישט וואָס ריכטיק צו זאָגן. איך רעד אַסך, און בלייב מטושטש און שעם מיך פאַר מיר אַליין נאָכן האָבן גערעדט.

ערגער איז ווען מען פרעגט מיך צי בראַהמאַ איז געשאַפן געוואָרן פון ווישנו, אָדער צי עס גיבט צוויי אייביקע געטער; גאָט איז מיין עדות, אַז איך ווייס נישט וואָס צו זאָגן און דאָס קען מען בולט זען פון מיינע ענטפערס. אַ הייליק פאָטערל, זאָגט מען מיר, גיט אונז צו פאַרשטיין וויאַזוי דאָס בייז פאַרפלייצט די וועלט. די דאָזיקע קשיה פייניקט מיך פונקט אַזוי ווי מיינע פרעגערס. איך זאָג זיי טיילמאָל, אַז אַלץ איז צום גוטן פאַר דער וועלט. נאָר די, וואָס זענען, נעבעך, רואינירט געוואָרן אָדער געוואָרן קאַליקעס אין אַ מלחמה, גלויבן עס נישט; אויך איך נישט. איך באַהאַלט מיך ערגעץ אין אַ ווינקל דערדריקט סיי פון מיין נייגעריקייט סיי פון מיין אומוויסן. איך קוק אַריין אין אונזערע אַלטע ספרים, און זיי פאַרטאָפּלען מיין חשכה. איך רעד מיט מיינע חברים; אַ טייל זאָגן, אַז מען דאַרף אַ הנאה האָבן פון לעבן, און זיך אויסלאַכן פון מענטשן; די אַנדערע גלויבן, אַז זיי וויסן יאָ עפּעס, און פאַרלירן זיך אין אויסטערלישע מחשבות. דאָס אַלץ פאַרגרעסערט דעם ווייטאָק, וואָס איך פיל. טיילמאָל האַלט איך שוין ביים פאַרלירן מיך אין האָפנונגסלאָזיקייט, ווען איך באַטראַכט אַז נאָך מיין גאַנץ זוכן ווייס איך אַלץ נישט מאַין באַתי (פונוואַנען בין איך געקומען), נישט ווער איך בין, נישט וואוהין איך גיי, נישט וואָס עס וועט ווערן פון מיר.

דער מעמד פון דעם דאָזיקן גוטן מענטשן האָט מיר באמת פאַרשאַפט יסורים. ניין, קיינער איז נישט געווען אַזוי פאַרנונפטיק און וואָס מען וואָלט אים געקענט מער געטרויען, ווי אים. איך האָב משיג געווען, אַז וואָס מער



ליכט ער האָט געהאַט אין פאַרשטאַנד און וואָס מער געפיל אין האַרצן, אַלץ מער אומגליקלעך איז ער אַליין געווען.

דעם זעלביקן טאָג האָב איך געזעען די אַלטע פרוי, וואָס האָט געוואוינט אין שכנות מיט אים. איך האָב זי געפרעגט צי זי האָט ווען עס איז זיך מצער געווען איבער דעם וואָס זי ווייסט נישט וויאַזוי איר נשמה איז באַשאַפן געוואָרן. יענע האָט בכלל נישט פאַרשטאַנען מיין פראַגע. אפילו אויף קיין איין רגע אין איר לעבן האָט זי זיך נישט פאַרטראַכט אויף קיין ענין, וואָס האָט אַזוי געפייניקט דעם בראַהמין. זי האָט בלב ונפש געגלויבט אין די גלגולים פון ווישנו; און אַזוי לאַנג ווי זי האָט געהאַט אַביסל וואַסער פונם גאַנדזשעס זיך צו וואַשן, האָט זי זיך געהאַלטן פאַר די גליקלעכסטע פון פרויען.

באַאיינדרוקט פונם גליק פון יענער אָרימער בריאה, האָב איך מיך אומגעקערט צו מיין פילאָזאָף, און אים געפרעגט:

— שעמט איר אייך גאָרנישט צו זיין אומגליקלעך בשעת ביי אייער טיר געפינט זיך אַ זקנה, וועלכע דענקט לחלוטין נישט און לעבט דאָך צופרידן?

— איר האָט רעכט, — האָט ער מיר געענטפערט. — איך האָב מיר שוין אפשר הונדערט מאָל געזאָגט, אַז איך אויך וואָלט מיך געפילט גליקלעך ווען כ׳וואָלט געווען אַ טיפּש, ווי מיין שכנה; און דאָך וואָלט איך אַזאַ גליק נישט באַגערט.

מיין בראַהמינס תירוץ האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפערן איינדרוק ווי אַלע אַנדערע. כ׳האָב מיך אַליין חוקר ודרוש געווען און איינגעזען, אַז פאַקטיש וואָלט איך אויך נישט באַגערט צו זיין גליקלעך על־תנאי צו זיין אַן אידיאָט.

איך האָב די דאָזיקע זאַך פאַרגעשלאָגן פאַר אייניקע פילאָזאָפן, און זיי האָבן געטיילט מיין מיינונג. עפּעס אַ געוואַלטיק־מאָדנע סתירה איז פאַרוויקלט אין דער אַרט דענקען, האָב איך געזאָגט, ווייל אין וואָס אייגנטלעך האַנדלט עס זיך סוף־כל־סוף? אין זיין גליקלעך: וואָס־זשע מאַכט עס אויס צי מען איז אַ חכם צי אַ נאַר? נאָך מער, די, וואָס זענען צופרידן מיט זייער וועזן, זענען גאַנץ זיכער, אַז זיי זענען צופרידן. יענע ווידער וואָס דענקען זענען קיינמאָל נישט זיכער צי זיי דענקען ריכטיק. עס איז דעריבער קלאָר, האָב איך געזאָגט, אַז מען מוז אויסוויילן נישט צו האָבן קיין שכל, מחמת עס איז דאָך דער שכל אונזערער וואָס פאַרשאַפט אונז אומצופרידנקייט. דער גאַנצער עולם האָט געטיילט מיין מיינונג, און דאָך האָט זיך נישט געפונען קיינער, וואָס פאַרן פרייז פון ווערן אַן אידיאָט, האָט געוואָלט ווערן צופרידן. דערפון בין איך געקומען צו דער מסקנה, אַז אויב מיר שעצן גליק הויך, מוזן מיר שעצן דעם שכל נאָך העכער.

נאָר נאָך אַ ישוב־הדעת האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ליבער אויסצודערווילן שכל ווי גליק הייסט זיין זער אומאיבערגעלייגט. נאָר וויאַזוי גיט מען זיך עס אַן עצה מיט דער דאָזיקער סתירה? ס׳איז ווי מיט אַלעם אַנדערן: עס וועט נאָך אויסקומען אַסך צו רעדן דעריבער.

פון פראַנצויזישן אָריגינאַל, א. אַלמוג.

## פּאָעטן און זייערע לידער

(עסייעט)

דער גורל פון פּאָעטן איז אַנדערש פון דעם גורל פון געוויינלעכע מענטשן אין דעם זין, וואָס די חושים ביי פּאָעטן זיינען מער פאַרשאַרפט און אויך מער זעעוודיק, ווי די חושים ביי געוויינלעכע מענטשן.

פּאָעטן זיינען דערצו אויך געבענטשט מיט אַ זעלטענעם כח הדיבור — אין שריפט — וואָס דערמעגלעכט זיי צו באַקליידן זייערע רעיונות, איבערלעבונגען אין אַלגעמיין, עמאָציעס און זעאונגען, אין דער קלאָרקייט פון אַ שפּראַך־לבוש, וואָס איז קאַפּאַבל אַרויסצערופן ביי דעם געוויינלעכן מענטשן אפילו, די אילוזיע פון אַן אייגענער איבערלעבונג.

צוליב אָט די אייגנשאַפטן פון פּאָעטן, זיינען זיי דעריבער אין אַ לאַגע צו קענען איבערשאַפן באַשטימטע פאַזן פון דעם לעבן אין דער פאָרם פון לידער, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם אויפלויכט פון זייער געמיט, זיי באַפליישן און באַבלוטן מיט דעם צויבער פון זייער פּערזענלעכקייט, אין זיי אריינאָטעמען די דינאַמיק פון זייער אייגענעם עמאָציאָנעלן לעבן, און זיי אין לעצטן ס״ה פאַרוואַנדלען אין דויערהאַפטע ווערטן, איבער וועלכע די צייט קען זעלטן האָבן אַ שליטה.

צוליב דער עכטקייט פון דויערהאַפטע ווערטן ביי פּאָעטן — די לידער זייערע — ווערט דער לייענער מיטגעריסן צו אַ עקסטאַז פון אליין מגולגל ווערן אין דער בחינה פון אַ שעפערישן מענטשן, וואָס קען, אין דער באַטרעפנדיקער מינוט ביים לייענען און איבערלעבן דעם תוכן פון די לידער, אליין עפּעס ממשיך זיין און דערגאַנצן, ציען ווייטער דעם פּאָדים וואָס דער באַטרעפנדיקער פּאָעט האָט פאַרצויגן און אפשר בכיוון איבערגעריסן מיט דער אויסשליסלעכער כוונה: צו אָנרעגן און דערמעגלעכן דעם אַקטיוו־טראַכטנדיקן לייענער, צו אַקטיוויזירן זיינע פּאָטענצן און אים דערהויבן צו דער דינאַמיק פון ווערן אַ מיטשעפער צו דער עכטקייט פון זיינע איבער־לעבונגען, אין דעם גאַרן אויסלייג פון זיינע אויסגעוויטיקטע לידער.

די אויסגעוויטיקטע לידער פון אַ עכטן פּאָעט, ווערן קיינמאָל ניט געשריבן מיט טינט.

די לידער פון אַ עכטן פּאָעט פיבערן אלעמאָל מיט דער מיסטיק פון יצירה און דער דינאַמיק פון דעם מאַרך־און־בלוט פון דעם דיכטער.

צוליב דעם ווערן די לידער פון אַ עכטן פּאָעט אויסגעפירט ווי אַן אַקט פון קדושה, געשאַפן און ניט אויסגעאָמלאכהעט מיט דעם כח פון אפילו גייסטיקער אַקראָבאַטיק, וואָס איז די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פון דעם פּסעוודאָ־דיכטער, וואָס שרייבט דווקא יאָ מיט טינט און וואָס האָט דער עיקרשט אַ נייגונג צו אויסערלעכן פּוץ, רעטאָריק און קינסטלעכער פאָרם, וואָס רעדוצירט זיך ביי אים צו דעם פאַלש־מינץ פון פּסעוודאָ־דיכטונג דיכטונג אין געגנדזנפּיסלעך.







פערד — מ. קאַץ

## פּ י ק אַ ס אָ

## געדאַנקען זיינע איבער מאָלעריי

יעדער איינער וויל פאַרשטיין מאָלעריי. פאַרוואָס אָבער באַמיט מען זיך נישט צו פאַרשטיין דאָס געזאַנג פון פייגל? מענטשן האָבן ליב די נאַכט, די בלומען, אַלץ אַרום זיך, אָן אַ השגה פון דעם אַלעם. נאָר ווען עס קומט צו מאָלעריי — אָט דאָס מוזן זיי פ אַ ר ש ט י י ן!

אָפּטמאָל ווילנדיק זיך באַנוצן מיט בלאָ אין אַ בילד, האָב איך פּלוצלונג באַמערקט, אַז איך האָב נישט מער. האָב איך אָנשטאָט דעם מיך באַנוצט מיט רויט. דאָס איז אַלץ וואָס איך גיב אייך פאַרן הבל פון שעפערישקייט....

מאָלער זענען מוליד בילדער ווי פּרינצן זענען מוליד קינדער — נישט פון פּרינצעסינס, נאָר פון דאָרפישע מיידלעך. מען מאָלט נישט דעם פּאַרטענאַן

אדער א לודוויג דעם 15טנס א שטול. מען מאכט א בילד פון א חורבה, פון א פאק טאבעקע, אדער פון אן אלט בענקל.

אין גרונט גענומען איז נישטא גארנישט, אחוץ ליבשאפט. דער מין ליבשאפט מאכט נישט אויס. מען וואלט געדארפט אויסשטעכן די אויגן פון מאלער, ווי מען שטעכט אויס די אויגן פון שפיל־פויגעלעך, כדי צו פארבעסערן זייער זינגען.

וואס מיינט איר איז א קינסטלער? א חסר־דעה, וועלכער האט גארנישט אחוץ אויגן, אויב ער איז א מאלער; אויערן, אויב ער איז א מוזיקער; אדער א לירע ביי יעדער שיכט פון זיין הארצן, אויב ער איז א דיכטער; אדער גארנישט אחוץ מוזקולן, אויב ער איז א באקסער? להיפך, ער איז צו דער זעלביקער צייט א פאליטיש וועזן, מיט א קלארן דין־וחשבון פון אלעם, וואס קומט פאר אין דער וועלט און ער קען זיך נישט העלפן אין פארמירט ווערן אזוי צי אזוי. ניין, מאלעריי איז נישט צו דעקארירן דירות. מאלעריי איז א כלי־זיין צום אנגריף און פארטיידיקונג קעגן שונא.

## א. נ. שטענצל

# דער אינזל-פעלדז

(מיט־געברענגט פון „האלידעיס" פאר די „פריינט פון יידיש לשון")

## קאפיטל איינס

1

אפגעריסן א שטיק פון דער ערד?
אויסגעשפיגן א פעלדז פונם ים?
ווער ווייסט וויאזוי אן אינזל ווערט.

2

און די אומה אויף איר וויאזוי?
ס'איז אנטרינען אויף איר מסתם,
א פיראט מיט געפאנגענער פרוי.

און צווייטער פון ווו, דריטער פון דארט,
און נויט און געפאר בינדט זיי צוזאם,
ווי ס'ווערט א טראטווע ביים ברעג א פארט.

3

פארבלאנדזשעט שיף אין נעפל און ווינט,
ביים גרעטעטווען אויף א ברעט,
דערטאפן זיך הענט פערחלשט בלינד;

מיט פארמאטערט־לעצטן אטעם צי,
דעם אינזל ברעג קוים נאך ער באטרעט,
ליגט אזוי ביז שפעט, ביז אין דער פרי —



זון איבער קאפ, ערד אונטער זיין טראט,
פאלט ער אויף די קני אין א געבעט,
זיין פארוואָרצלט הארץ טורעמט צו גאט.

3

אז געשריי פון די מעווע צומאל,
אזא פריידיק אויסגעשריגן ליד,
קומען אן פארבלאנקעטע פון טאל,

דער מיט א שווערד־האק, דער מיט א שפיז,
איינער ווער מיט א בוך, א מין ייד,
גראטעוועטער דא, מסתם איז.

מיט גלי אין אויג מ'רעדט זיך צוזאם,
ווערן אקער־אייזנס אויסגעשמידט,
פאר שטיקעלע ערד אין מיטן ים.

4

ברענט א ליכט אויף אין די נעפל־נעכט,
אין גאטס הויז אויף שפיץ־פעלדז אויפגעבויט,
אז מענטש'ס הארץ זאל ווערן אויפגערעכט.

און ווען פון ווו א שקלאוו ווען פארשווינדט,
א פארמשפטער לייב־קנעכט צום טויט,
א מקום מקלט דא ער געפינט.

ווער, ווי די באווינער דא, ווי זיי,
דעם ים און די ערד גאנץ זיך פארטרויט,
ווייסן וואס מיינט געפינען די פריי — —

## קאפיטל צוויי

1

צי קאן א פעלדז דען וואקסן נאך מער?
יא, מיט געביידעס מיט שטיין אויף שטיין!
און צי האט שוין אזוינס געהערט ווער,

אז טיפער נאך פון דנא פונם ים,
גראבן פון זילבער־און קוילן־מיין?
בלויז פון קנאה דער גיפטיקער סם —

בלויז ער נאר, פון דיביידע די צוויי,
נאך העכער און נאך טיפער קאן זיין,
און נאך שטארקער, ווי ביים שקלאוו די פריי.

2

קויל־שווארצער וואלד זשמורט' זילבער־בלאנק־בליק,

מיט זיין נאַקן די זון ער פאַרשטעלט,
נישט צו געבן קיין קוק אויף צוריק.

סטאַדעס שעפסן זיין לאָקיגער קאָפּ,
ווי גאָלד־געצייטיקטער ווייצן־פעלד,
בלאָנקט באָרד בלאָנד־בלאַנק איבער בויך אַראָפּ.

קומען פון זאַקסן אָן די לאַנץ־קנעכט,
פון נאָרמאַנדיע געפאַנצטער העלד,
מען ברענט די סנאָפּעס, די שאָף מען שעכט.

3

שטורעם־ווינט וואַקסט אין אים ווילד געשריי,
זיין בליק אַ בייז־צעבליצטער פאַרדאַכט:
קאָנען שקלאַוון קיינמאָל נישט ווערן פריי?!...

אוי נישט ווערטער — קרישלדיק געשטיין,
שיט זיך, ווען ער ווערט פעלדז־שטאַרק פאַרטראַכט,
קוועלכל־גערין דערשטיקט געוויין:

וואָלטן זיי בלויז די שפּיזן געהאַט,
נישט אַקער־אייזנס פון זיי געמאַכט,
אָז זייער מי זיגער איצט מאַכט זאַט.

4

ס׳איז דער מיט די שריפט שולדיק דערין,
די שקלאַוון בלויז צלמל געמאַכט,
און נישט פערשטאַנען צומאָל דעם זין...

פייערל, וואָס אין אויג אים געגליט,
מורא געהאַט פאַר שפּיז, פאַר איר מאַכט,
און אין אַקער־אייזנס זי געשמידט.

שטייף־פאַרשטיינט בלייבט ער שטיין דער פעלדז־ריז!
און עס האָט זיך דער ים ווילד צעלאַכט,
מיט טויזנט צונגען ביי זיינע פיס.

## קאַפּיטל דריי

1

ס׳הויערט דער פעלדז, קאָפּ שווער אויף קני,
גרייז־גרוי קרייזלט זיך באָרד, שפּאַלט אויף שפּאַלט, —
טונקל פונקלט שוין אין בליק דער גלי.

ניִשט פאַר, נישט צוריק — אין זיך אַריין
ער קוקט, ר׳איז מיד, און שוין גענוג אַלט
אויב נישט אַלץ, — עפּעס כאָטש צו פאַרשטיין —



יענעם נאַרן... אָבער זיך אַליין?!...
קלוג זיין שמייכל אין באָרד אַריין פאַלט,
נאָך טיפער אין זיך ער קוקט אַריין —

קאָפּ — אַ וואַלד, פאַרוואַקסן באַלד מיט מאָך,
פול בראָדעוועקעס געגרונצלטע באַק,
יעדער דעך אין האַרץ שאַרפער שפּיז־שטאָך:

אָך, דאַכט זיך, צייט פאַרשטיין לעבנס־תוך,
און דאָך די אַלטע האַנט די שווערד־האַק
האַלט זי — דער יאָך ווערט אַלץ פעסטער נאָך!

פאַר מינדסט פליגעלע מיט לעצטן פאָך,
גוטינקער ביסן נאָך, — ווי געשמאַק, —
קליינסט ווערעמל, מיט בייכיג געקראָך.

3

אַלץ וויל לעבן, איינס ס׳אַנדערע פרעסט!
אָבער פול רחמים מעווע צומאָל,
ווען עופלע איר׳ס זי שפּייזט אין נעסט.

פאַרנעפּלטער בליק פאַלט צו טויט־מיד,
און זע, אַרויפגעקראָכן פון טאָל,
מיט בוך אין האַנט, קומט אָן יענער ייד.

„ווידער צוריקגעקומען, כ׳בין דאָ,
אָבער אַצינד שוין צום לעצטן מאָל,
איך וואַרט נאָך אַלץ אויף די רחמים שעה...״

4

און אויף שפּיץ פעלדז אַ ליכט ווידער ברענט,
ווי די זון אַזוי וואונדערלעך גרויס,
ברעג — איין געוואַלטיקער פאַרט אָן־ענד.

און שיפן אָן צאָל באַלאָדן שווער —
נישט בלויז ס׳טויש־און קויף־זילבער אַרויס —
זיי ברענגען ס׳גאָלד פון דער וועלט אַהער.

נעכטיקער קנעכט בעל בית איבער זיי!
און עפּעס זעט גאַנצע וועלט איצט אויס,
אַ שקלאַוו אַקאַרשט אַרויס אויף דער פריי?

## קאַפּיטל פיר

1

צי ווייסט ווער ווי אַן אימפּעריע ווערט,
ווי אַזוי מען באַהערשט האַלבע וועלט?
אין איין מאַכט געבונדן בוך און שווערד.

לינקס. רעכטס ? — שווערד פּאָכעט תמיד געדרעכט !
קאַנטשיק גלעט, ווען טייטל די שריפט קנעלט,
הערשער פון אייגענער מאַכט ווערט קנעכט.

אין בלוט־געדוך אָבער שטינקט דאָס בוך,
און ס׳זשאַווערט די שווערד פון קליגסטן העלד,
און גאָט׳ס הייליק וואָרט כשוף־שפּרוך —

2

אַרום פליך טייוול־גיך אַ געקרייז,
איבער פאַלדן פערשטייפטן געניק,
קריכט אַ שד מיט הינעריש געשפּרייז.

כאָרכל־געיאָמער בצחון־געשריי,
אָדלער יאָגט רציחיש נאָך פאַרציק !
און יאָגט זיך נישט זון מיט איר געדריי,

מיט איין שלונג איינצושלונגען די ערד ?
אין פאַנצער אַ מין שפּאַרבער, איין פּיק
און גאַנצע וועלט ווערט איבערגעקערט — — — —

3

ער זעט אים קוים, ער הערט אים נאָך בלויז,
אַ שטורעם אויפן ים זיך צעבליצט,
שוים אויף ליפּן צעכוואַליעט געברויז —

ווי פון אַ בוך אַרויס עס לעזט : „ווייס,
צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי דו ביזט איצט,
איבער דער גאָרער וועלט שוין איך שפּרייז ;

„און ווו בלויז געוועזן, מען קאָן דאָרט זען,
יעדעס ווינקל מיט מיין בלוט באַשפּריצט.
אָבער אויב איצט עס וועט נישט געשען —

4

„אויב נישט דערלייזט דער מענטש און גאַנץ פריי,
גערעכט דער הערשער, ערלעך דער שקלאַוו,
אויפפלאַצן ווי אַ פאַרשטינקן איי,

„און ווי פוילע ווערעמדיקע ניס,
זעיר שם זעיר שם, צו לצו, קו לקו׳ — —
וועט די ערד און אַלץ וואָס אויף איר איז — — — —״

גאָר נישט מער אַרום, ברויז־געדויש בלויז,
פון בוך דונערט דאָס צעבליצטע כתב,
עס לייענט זיך פון אַליין אַרויס.



## ביים ים

קייגן דעם ים וואָס רינגלט אינזל דאָ אַרום,
וואָס איז די שטאָט ? אַ שטויבעלע אין שטורעם־ווינט ;
אַ פּראָכל אין אלע פיר זייטן צעפלויגן,
ביז אויפן דנאָ פון אָפּגרונט פינסטער זי פאַרשווינדט.

און די טעמזע ברייט צערודערט, ווייט צעכוואַליעט,
אַ טראָפּן פאַלט שטיל־פאַרחלשט אין ים אַריין ;
מיט גרויס געטומל גאוהדיק „גאה גאה״ אָנגעצויגן,
בלויז ווי נעבעכדיק זי זעט אויס, ווי שמאָל, ווי קליין.

און איך ? ווילד אויפגעריסן מיינע צוויי אויגן !
איז נישט דער הימל איינס, און דאָס צווייטע דער ים ?
איבער מיין קאָפּ דאָס צעשריגענע געפלאַטער,
פון אַזאַ מעווע איך בין אַ גילגול מסתם —

אָן אויפהער אַהין, אַהער, ווי נערוועז, ווי ווילד,
און מיטן שפּיץ־דזשוב גלייך מיר אין האַרצן אַריין !
דאָס שתי־וערובדיקע שקיעה־געוועב,
הילט מיך אין גרויען בין־השמשות־טלית איין.

מיין האַרץ וואַרפט זיך ווי ס׳שיפל צווישן די כוואַלעס,
שטורעם אין מיר צו שטילן מיט שטילקייט פון ליד ;
און צווישן די טויזנטער, די צען טויזנטער,
צעציטערט כ׳זיך, אויף פייער־טאָפּ אויף אַ יריד —

לויפט אַ ייד אין שול אַריין כאַפּן אַ קדושה,
גוי אין שענק צו פאַרטרונקן מיט נאָך אַ גלאָז ביר ;
איבערגייענדיקע זון ביזן דנאָ כ׳טרונק אויס,
פון אַ מין צער, אַ ווילדע פרייד, כ׳וועך משוגע שיער.

## ווּעסטקליף

ווי צו אַ גוטן יידן, אַ מין בעל מופת,
אַזוי קומען מיר דאָ אַהער צו גיין ;
ער זאָל לעבן, זאָל אונז בענטשן, סגולות געבן,
מיט תפילות זיינע אויף אונז מגין זיין.

באַזעסענע דיבוקים אַרויסצוטרייבן,
חולה־נופלס געפינען זייער רו,
שלאַקריריק, געלזיכטיק זיי שלעפּן זיך אַהער,
נאָך איינמאָל אים זען איידער ערד דעקט צו.

יושבים ישישים און כל־ערליי פרושים,
וואַרטן אָפּ דאָ זייערע לעצטע טעג,

זאַל ער ווידוי זאָגן מיט זיי און זיי מיטגעבן,
צידה־לדרך אויף ווייט־לעצטן וועג.

און אנשי שלומינו, באַשאָשקעט, בשמחה׳ט,
צו כאַפּן שריים, אַ תורה־וואָרט,
פֿירנדיק טיש, הדרת־פּנימדיק צעשאָקלט,
איבער גאַרטל ציטערט שוים־ווייסע באָרד.

ווי ס׳רוישט, ווי ס׳רעשט, אַ גערידער, ווען ער קומט,
פֿון מקווה, פֿון התבודדות צוריק;
זיין רחבותדיקער גאַנג, זיין מלכותדיק אויסזען,
כאַפּן אויף אים עס וויל יעדער בליק.

ס׳רוט די שכינה אויף ברייט־פֿאַלדנדיקן שטערן,
צעפּלאָסענע באָרד צעפּלאָשעט ווייט;
זע, אַ מלאכים מחנה פֿון הימל אַראָפּ,
כמאַרע אין טלית געהילט אים באַגלייט.

ווי ער וואַרפֿט זיך, ווי ער קנייטש זיך, ווי ער שעפּטשעט,
פֿאַר אַ חולה איז ער מתפּלל שטיל;
וואָס נענטער זיין צו אים, ווי מען שטופּט זיך ווי מען שטויסט זיך,
ער זאָל לעבן אַ ברכה געבן וויל.

## סאַוטענד

אויף אַ קערמיס קומען זיי, אויף אַ יאָר מאַרק־יריד,
אויף אַ וואַקכאַנאַליע, אַ קאַרניוואַל;
זיי קומען די לעצטע פּענע אויסצוגעבן,
און מאָרגן וואָס ס׳וועט זיין, זיי אַלץ עגאַל.

אַ לעב טון, און ווי די געטער אויפצולעבן,
די מאָזאָלעס, די פּעסטע פּויסטן־הענט;
אונטער זייערע שריט וואַקלט שכור די ערד,
ס׳גייט דער אָלימפּ אויף — דער פֿעלז־ברעג סאַוטענד!

זע, פֿון יעדער מושל אַ ווענוס אַרויסשפּרונגט!
און איז נישט גאָט־פּאָסיידאָן יענער יינג?
הינטער אים אַ שלעפּ סאַטירעס, סירענעס,
מיט פֿריילעך געטענצל, מיט ווילד געזינג.

די פּאַטשערקעס קאָלירן, די קרעלן שנורן,
אויף זייער האַלז און ברוסט אַרויפֿגעהענגט —
אַ קופּידאָ פֿון טיף־בלויען הימל אַראָפּ־,
פֿון ים־גרינעם אָפּגרונט אַרויפֿגעבערענגט.



„עס שטינקן די ווערעם, די ראָקעס, די מושלען,
אפשר פֿאַר אַן איידלער יידישער נאָז״!
צעלאַכט זיך הויך מיט זיין ברייטן בויך אַ באַקכוס,
און פֿאַרטרונקט אים, דעם ראַק, מיט נאָך אַ גלאָז.

אַ ווילדע עד־דלא־יאָדע באַקכיאַדע,
אַ מאַסקע־פּנים קוקט די זון אַראָפּ,
און ס׳גאַנצע גרויליקע גרוי־גורלדיק לעבן,
זיס פֿאַרטרונקן מיט איין ביטערן טראָפּ.

ס׳דרייט זיך אַ גורל־קרייז, אַזאַ מין טייוול־ראָד,
צעשפּילטער קאַרוסעל מיט קינד און קייט,
גלגל־הארץ מיט גאַנצן אַרום,
הימל איבער אים — שווינדל־ראָד זיך דרייט.

* * *

„יורדי הים באניות המה ראו מעשי ד׳!״
ברומט אין אים אַ פּסוק תהילים געוואַלטיק אַזוי,
מיט טראָפּ און מיט שטורעם ווי מיין טאַטע פֿלעגט זאָגן,
און נישט ים און נישט הימל, און נישט ייד און נישט גוי —

גאַנצע וועלט אַ צעשורגעטע, אַ בלוט־צעכוואַלעטע מיט גאָט!
ס׳איז יאָגנדיקער ים זאָגנדיקער תהילים־טראָפּ,
די ברייט־צעפּלאָסענע באָרד, דער שטייף־צעפֿאַלדעוועטער שטערן —
„על דאַטפת אטפוך״! פֿאַלט די זון אין ים אַראָפּ.

„יורדי הים באניות המה ראו מעשי אדוני״,
טויט־אָנגעשכורט וואַלגערט זיך אַ מאַטראָז אויף ברעג,
מיין טאַטנס תהילים זאָגן ווערט אַזוי וויינענדיק אַזוי שטיל,
מיך נעמט אַרום אַ בין השמשותדיקע טויט־שרעק.

## די באלאדע פונם מעוועך-געזאנג

האָט דאָך אונזער חכם, שלמה המלך,
מיט אַלע חיות ועופות געקענט ריידן,
קאָן איך מיך מיט טויבן אַדורכשמועסן,
כ׳האָב׳ס בקבלה פֿון מיין גרייז־גרויען זיידן.

אַלע ערב־שבת ביים שיר־השירים,
באָבע, די גוטע טויב, ביים אויוון געשטאַנען,
מיט אויגן צוגעהערט, שטיל צוגעוואָרקעט,
קעפּל צו געשאָקלט, וואָרט פֿאַר וואָרט פֿערשטאַנען.

ווּיפיל דורות און וויפיל בלוט געפלאָסן,
פון אונטער דאַך היימישע טויבן ווי זיינען?
אפשר אין האַרץ דאָך איינע מיטגענומען,
הער, ווי עס הערט נישט אויף וואָרקנדיק צו וויינען.

בין איך מיר אַזוי אין איינעם אַ פרייטיק,
ביים ברויזנדיקן ברעג שפּאַצירן געגאַנגען,
דערהערט דאָס הייזעריקע מעווען געשריי,
איז עס גאָר געווען שיר־השירים־געזאַנגען.

אַ פאַרוואונדערטער בין איך שטיין געבליבן,
ערשט נאָך קבלת־שבת אַהיימגעגאַנגען,
און אַזוי ווי איך פערשטיי ס'טויבן לשון,
האָב איך דאָס ליד אַזוי וואונדערלעך פאַרשטאַנען.

און דאָ איז עס וואָרט פאַר וואָרט מיט מינדסטן וואָרק,
מיט יעדן שאָקל מיט קעפּל — אויפגעשריבן:
„טויבן זיינען מיר, שיר־השירים טויבן,
בלויז פון אַ שטורעם־ווינט ווייט אַוועק פאַרטריבן.

„שאַרפער שפּיציקער בלויז אונזערע שנאָבלען,
הייזעריקער בלויז און רוי אונזערע שטימען,
די פעלדזן אַרום שטייניקע און האַרטע,
און אונזער שפּייז וואָס צום ברעג קומט אָנגעשווימען.

„ווינטער קיין וואַרעמען דאַך, קיין קראָקווע ווו,
אין שטורעם און ווינט פעלדזן אונזערע נעסטער,
בלויז זע, אונזערע אויגן: „עיניך יונים“ — —
שיר־השירים־טויב אונזער לייבלעכע שוועסטער.

„און ווען עס קומט די קבלת־שבת־שעה,
צינדן זיך ליכטלעך אָן אין אונזערע אויגן!
הייזעריק אונזער קול, בלויז אונזער געזאַנג,
ווי אין טאָג פון אונזער היים אַוועקגעפלויגן.

„לבבתני באחת מעיניך — — —“
ווי אויסטערליש בין־השמשותדיק צעשריגן!
דייטלעך כ'האָב אַלץ נאָכגעשריבן וואָרט פאַר וואָרט,
אָבער זייער האַרץ־צערייסנדיקן ניגון — —

„די אידישע שטימע“
די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804



ש. י. האַרענדאָרף

## מכוח אַ וועלט־קאָנגרעס פון יידישע זשורנאַליסטן

(אַ וואָרט אין דעם וויכוח צווישן משה רון און יוסף פרענקל)

בעת דער פערטער סעסיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אויגוסט, 1959, אין שטאָקהאָלם, איז פאָרגעקומען אַן אסיפה פון די דאָרט אַנוועזנדיקע (70 אין צאָל) יידישע זשורנאַליסטן פון דער גאָרער וועלט, מכוח גרינדן דעם, זינט צענדליקער יאָרן געפלאַנטן וועלט־קאָנגרעס פון יידישע פען־מענטשן, וואָס זענען טעטיק נישט נאָר אין די יידישע טאָגצייטונגען, וואָכנבלעטער און זשורנאַלן, נייערט אין דער אָרגאַניזאַציע זאָלן אויך אַנגעהערן אַלע, אָן אויסנאָם, יידישע זשורנאַליסטן, וועלכע זענען מיטאַרבעטער אין די יידיש־ענגלישע, יידיש־שפּאַנישע, יידיש־פּאָרטוגעזישע, יידיש־פראַנצויזישע און אין אַנדערע לשונותדיקע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס האָבן אַ יידישן תוכן.

דעם אמת געזאָגט, איז די אידייע און די נויטווענדיקייט צו שאַפן אַזאַ אַלוועלטלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אַרומנעמען די הונדערטער (און אפשר טויזנטער!) יידיש־פראָפעסיאָנעלע זשורנאַליסטן, נישט קיין נייע. מ'רעדט שוין וועגן דעם זינט צענדליקער יאָרן. אָבער דער פּלאַן האָט — צום באַדויערן — עד־היום זיך נישט פאַרווירקלעכט. צוליב פאַרשיידענע סיבות (נישט קיין אידעאָלאָגישע, חלילה), נאָר בעיקר צוליב דעם טראַגישן אויסברוך פון דער היטלערישער וועלט־מלחמה, וואָס האָט חרוב געמאַכט דאָס ברייט־פאַרצווייגטע יידישע פרעסע־וועזן אין פּוילן און אין אַ צאָל אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, און אומגעבראַכט הונדערטער יידישע פען־מענטשן — שריפטשטעלער, זשורנאַליסטן, דיכטער, דראַמאַטורגן, וכדומה.

לויט מיין באַשיידענער מיינונג, דאַרף די אָרגאַניזאַציע פון אַזאַ אַלוועלטלעכן יידישן זשורנאַליסטן פאַרבאַנד נישט טראָגן בלויז אַ פראָפעסיאָנעלן, נייערט — און בעיקר — אַ נאַציאָנאַל־יידישן כאַראַקטער, כדי אָפּצוטויטן און צוימען די אַסימילאַטאָרישע לאווינע און דאָס גייסטיקע עם־הארצות, וואָס פאַרשפּרייט זיך פון די דאָזיקע, פרעמד־לשונדיקע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן.

אָבער דאָס איז אַ באַזונדערער ענין, וואָס דאַרף ברייט און אויספירלעך באַהאַנדלט ווערן אויף דעם געפּלאַנטן וועלט־קאָנגרעס, וועלכער דאַרף אָפּגעהאַלטן ווערן אין חודש דעצעמבער, 1960, אין ירושלים, בעתן קאָנגרעס פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, וואָס ווערט אין דערזעלביקער צייט פאָרקומען אין דער הויפּט־שטאָט פון אונזער מדינה.

* * *

די שטאָקהאָלמער באַראַטונג פון יידישע זשורנאַליסטן האָט באַשטימט דעם קאָלעגע יוסף פרענקל און 4 קאָלעגן פון ישראל, ווי די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם געפּלאַנטן קאָנגרעס. זיי איז אָנפאַרטרויט געוואָרן די זייער שווערע אַדמיניסטראַטיווע מיסיע, זיך צו שטעלן אין אַ קאָנטאַקט מיט די פאַרשידענע יידישע שרייבער־אָרגאַניזאַציעס אויף דער גאָרער וועלט, איינגעשלאָסן דעם „י. ל. פרץ פאַריין“ אין ניו־יאָרק, דעם „ה. ד. נאָמבערג פאַריין“ אין בוענאָס

אײרעס; די ייִדישע שרײַבער־אָרגאַניזאַציעס אין תל־אביב, פּאַריז, לאָנדאָן, אורוגווײַ, מעקסיקע, בראַזיליע, בריסל, און אין אַנדערע לענדער.

קאָלעגע פרענקל האָט מקיים געווען זײַן מיסיע און ער האָט פון אַלע ייִדישע שרײַבער־אָרגאַניזאַציעס, מיט וועלכע ער האָט שריפטלעך אָנגעבונדן אַ קאָנטאַקט, באַקומען באַגײַסטערטע תשובות און הבטחות, אַז זיי וועלן זיך באַטייליקן אין דער ירושלימער אסיפה, כדי עס זאָל ענדלעך געשאַפן ווערן דער זינט יאָרן געפּלאַנטער וועלט־קאָנגרעס פון ייִדישע זשורנאַליסטן.

גאַנץ אַנדערש האָט אויף דעם ענין רעאַגירט ר׳ משה רון, גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם העברעאישן שרײַבער־פאַריין אין תל־אביב, וועלכער האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרטיקלען אין דער אָרטיקער העברעאישער, ייִדישער, ענגלישער (און מסתמא אויף אין אַ צאָל אַנדערע, „פרעמד־שפּראַכיקע״ צײַטונגען) אין וועלכע ער איז מבטל די שטאָקהאָלמער באַראַטונג פון די 70 ייִדישע פען־מענטשן, מכוח דער שאַפונג פון אַ וועלט־פאַרבאַנד פון ייִדישע זשורנאַליסטן.

משה רון האָט טענות צו יוסף פרענקל, אַז אין דער שטאָקהאָלמער באַראַטונג האָבן זיך באַטייליקט אַ צאָל נישט פּראָפעסיאָנעלע זשורנאַליסטן; אַז צווישן די באַטייליקטע זענען געווען פּאַרטיי־מענטשן און שליחים פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס האָבן נישט קיין דירעקטן שייכות מיט דער זשורנאַליסטישער פּראָפעסיע, מהאי־טעמא טויג נישט דער גאַנצער עסק, און ווי אַ שטראָף וועט דער פאַרבאַנד פון די ישׂראלדיקע זשורנאַליסטן נישט אָנטייל נעמען אין דער ירושלימער גרינדונגס־קאָנגרעס פון דעם ייִדיש־זשורנאַליסטישן וועלט־פאַרבאַנד.

* * *

וועלן מיר דאָ זיך נישט אַרײַנלאָזן אין דעם וויכוח, הגם דער ענין איז אונדז אַלעמען שטאַרק נוגע, און זיך אָפּשטעלן בלויז אויף דער פּרינציפּיעלער זײַט פון דער פראַגע:

(א) צי מוז די שאַפונג פון אַ וועלט־פאַרבאַנד פון ייִדישע זשורנאַליסטן האָבן די אויסדריקלעכע הסכמה פון העברעאישן שרײַבער־פאַריין אין ישׂראל?

(ב) זינט ווען איז דער העברעאישער שרײַבער־פאַריין פאַראינטערעסירט אין דער גרינדונג פון אַן אַלוועלטלעכער ייִדישער שרײַבער־אָרגאַניזאַציע?

מיר ווייסן פון דער טרויעריקער דערפאַרונג, אַז דער איבערוויגנדער רוב פון די העברעאישע זשורנאַליסטן זענען אָפענע קעגנער און דם־שונאים פון ייִדישן לשון בכלל, און פון אַ ייִדיש־לשונדיקער פּרעסע אין מדינת ישׂראל בפרט! טאָ הלמאי זאָל משה רון אַזוי שאַרף אַרויסטרעטן אין דער עפנטלעכקייט און אַטאַקירן די שאַפונג פון אַ וועלט־פאַרבאַנד פון ייִדישע זשורנאַליסטן?

אוודאי וואָלט דער אָנטייל פון די העברעאישע פען־מענטשן צוגעגעבן אַסך אָנזען און חשיבות דעם געפּלאַנטן וועלט־פאַרבאַנד פון ייִדישע זשורנאַליסטן, וואָס האָט — אגב — די מאָראַלישע אונטערשטיצונג פון דער ייִדישער אַגענץ און פון ייִדישן וועלט־קאָנגרעס. די בײדע נאַציאָנאַל ייִדישע אָרגאַניזאַציעס ווייסן יאָ אָפּצושאַצן די וויכטיקייט פון אַ ייִדיש־זשורנאַליסטישן וועלט־פאַרבאַנד



פאַר די ייִדן אין די תפוצות פון אונדזער צעשפּרייטקייט. אָבער דער רוב העברעאישע זשורנאַליסטן האָבן, צום באַדויערן, אַ נעגאַטיווע באַציִאונג צום גלות בכלל, און צו די „פרעמד שפּראַכיקע״ צײַטונגען און זשורנאַלן, וואָס דערשײַנען אין די תפוצות.

לויט מײַן באַשיידענער מיינונג איז בכלל געווען אַ פעלער, מצד די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם געפּלאַנטן וועלט־קאָנגרעס, אָפּצוהאַלטן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג אין ירושלים, ווײַל די אַטמאָספערע אין דער עיר־הקודש איז נישט קיין געאייגנטע פאַר אַ מסיבה פון אַזאַ „פרעמד־שפּראַכיקן״ וועלט־פאַרנעם, וואָס עס וועט מיט זיך פאָרשטעלן דער וועלט־קאָנגרעס פון די ייִדישע זשורנאַליסטן. און היות ווי די אַטמאָספערע איז שוין איצט, ערב דער אסיפה פון דעם וועלט־קאָנגרעס, אַ אָנגעצויגענע, וואָלט כדאַי געווען זיך גוט צו פאַרטראַכטן, אויב דער קאָנגרעס מוז טאַקע פאָרקומען אין ירושלים?

## יהודה ביעטש

## מאָריס שוואַרץ — דער בינע־קינסטלער

מיט דעם ייִדישן קונסט־טעאַטער אין אַמעריקע איז געווען פאַרבונדן די גלאַנץ־עפּאָכע פון מאָריס שוואַרץ. זײַנע דראַמאַטיזירטע פאָרשטעלונגען האָבן געהאַט אַ שם אין אַלע ייִדישע ישובים, און זײַן קונסט־טעאַטער איז געווען דאָס איינציקע ווינקעלע פון ערנסטער ייִדישער טעאַטראַלער קונסט.

מיט דער פּטירה פון אָט דעם בעסטן בינע־קינסטלער איז אָפּגעשניטן געוואָרן אַ שטיק פון אַ „גאָלדענער צײַט״, וואָס איז דורכאויס געווען געווידמעט דער ייִדישער קלאַסישער ליטעראַטור און קולטור. איך וויל נישט זאָגן, אַז מיט דער גרויסער אבידה פון מאָריס שוואַרץ וועלן, חלילה, אויפהערן די פאָרשטעלונגען פון די ווערק פון די ייִדישע קלאַסיקער. אַזאַ געדאַנק וואָלט געווען צופיל געוואָגט, אָבער אַ שווערער קלאַפּ איז עס דאָך! ווײַל מאָריס שוואַרץ האָט עם־כל־אמצי כח זיך געקלאַמערט אַרום דעם דראַנג צו האָבן אַ סטאַביל ייִדיש־קונסט טעאַטער.

די ערשטע שפּראָצונגען פון אַ שטאַביל טעאַטער בײַ ייִדן האָבן זיך אָנגעהויבן אין דער צווייטער העלפט פונם 19טן יאָרהונדערט, הויפּטזאַכלעך מיט דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער מאַסן־עמיגראַציע קיין אַמעריקע. אָבער צום באַדויערן איז דאָס ייִדישע טהעאַטער דעמאָלט נישט געווען אויף דער מדריגה ווי מיר וואָלטן זיך געקענט ווינטשן, ווײַניקסטנס נישט ביז מיט 50־40 יאָר צוריק.

ערשט שפּעטער האָבן זיך באַוויזן אינטעליגענטע, טאַלאַנטפולע שוישפּילער און דראַמאַטורגן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו דערהויבן דאָס ייִדישע טעאַטער צו דער געהעריקער הויכער קולטור־מדריגה. מאָריס שוואַרץ איז געווען פון אָט דער פּלעיאַדע, וואָס האָט געהאַלטן, אַז טעאַטער שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָנסטרוקטיווע קראַפט אינעם לעבן פון פאָלק. האָט ער דאָך אַליין כסדר באַטאָנט, אַז אַרום אַ גוט ייִדיש־טעאַטער ווערט ממילא אויך דאָס געזעלשאַפט־

לעכע לעבן געשטאַרקט און דערהויבן. אַזוי־זשע זעען מיר ווי היילק אַן עבודה טעאַטער איז געווען פאַר אים. וואָס אַלס פועל־יוצא פירט עס צו דער פאַר־שפּרייטונג פון די סאַמע פּערל פון דער יידישער ליטעראַטור און די שענסטע הומאַניסטישע אידעען צווישן אַ ברייטן עולם.

דער שטאַרקער פאַרלאַנג, ממש די אַמביציע פון מאָריס שוואַרץ צו גרינדן אַ יידיש קונסט־טעאַטער אין אַמעריקע איז ערשט רעאַליזירט געוואָרן אינם יאָר 1920; זיין טריאומף־פּעריאָד אין אָט דעם דאָזיקן טעאַטער איז העכסט גלענצנד אין דער געשיכטע פון דער יידישער בינע בכלל. אין משך פון דער דאָזיקער צייט איז מאָריס שוואַרץ כסדר געשטיגן ממעלה למעלה, און מיט זיינע קלאַסישע פאָרשטעלונגען געוואונען אַנערקענונג, ווי איינער פון די גאָר גרויסע בינען־קינסטלער פון אונזער צייט. צו אונזער גרויסן באַדויערן האָט דאָס קונסט־טעאַטער קיין לאַנגן קיום נישט געהאַט.

מ׳זאָגט, אַז יידן זענען אַ „דראַמאַטיש" פאָלק, האָבן אַ דראַמאַטישע גע־שיכטע. ביאַליק אַליין האָט שוין אָנגעוויזן ווי דראַמאַטיש דער תנ"ך איז.ליידער איז צווישן יידן נישט געווען די געהעריקע גרייטקייט צו העלפן מאָריס שוואַרצן אין זיין וויכטיקן פּלאַן צו סטאַביליזירן אַ יידיש קונסט־טעאַטער. צוליב דעם טאַקע איז עס שוואַרצן תמיד אויסגעקומען צו מאַכן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען אין זיינע אונטערנעמונגען פאַר דער יידישער ליטעראַטור און קונסט.

מאָריס שוואַרץ איז געווען דינאַמיש אין זיין קונסט, גלענצנד ווי אַ כאַראַק־טער־שוישפּילער, גרויס אַלס רעזשיסאָר און דראַמאַטיזירער פון די ווערק פון יידישע שרייבער, אַ דאַנק וועלכע ער האָט אויך פאַרמאָגט דעם כח צו באַאיינ־פלוסן אַנדערע קינסטלער אין זיין טרופּע זיך צו באַציען מיטן געהעריקן ערנסט צו יידישער קונסט און קולטור. מיט רעכט קען מען פאַררעכענען מאָריס שוואַרצן צו די נאָכפאָלגער פון גאָלדפאַדן, טאָמאַשעווסקי און יעקב גאָרדין.

ביי אונז דאָ אין לאָנדאָן האָבן די גאַסט־שפּילן פון מאָריס שוואַרץ אַרויס־גערופן באמת יום־טובדיקע שטימונגען. קיינעם פון די יידישע בינען־קינסטלער האָט מען דאָ נישט געמאַכט אַזאַ וואַרימע אויפנאַמע ווי אים — די יידישע געזעלשאַפט דאָ האָט פול־געפּאַקט די טעאַטערס!

נאָר אַ קינסטלער פון מאָריס שוואַרצעס פאָרנעם איז געווען ביכולת אַזוי בולט־לעבעדיק אַרויסברענגען די יידישע טיפן אין דער דראַמע, „שמאַטעס", פון ה. לייוויק, וועלכע מיר האָבן געזעען אין „פּרינס אָוו ווילס טהיעטער" אין

המשך, קייגנאיבער אויפן שער־בלאט

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

(אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט — 3 אַזייגער)

שבת, דעם 27׳סטן אויגוסט — וועט משה דאָמב לייענען אַ ניי־קאַפּיטל פון זיין ראָמאַן — דער שבת געווידמעט זיין יובל־החמשים.

שבת, דעם 3׳טן סעפּטעמבער — ראַביי עמינועל גאָלדשמיד.

שבת, דעם 10׳טן — וועט י. ביעטש לייענען אַ נייע דערציילונג.

שבת, דעם 17׳טן — סליחות־שטימונגען אין אונזער פּאָעזיע.

מאַי, 1924. און ווער קען פאַרגעסן מיט וויפיל פּאַטאָס מאָריס שוואַרץ האָט פאַר אונז אויפגעפירט די דראַמע, „פּראָפעסאָר שעלינג אָדער ווער איז ווער?", אויך פונם אויבנדערמאָנטן מחבר. און ווי שאַרף און בולט דאָס אייביקע פּראָב־לעם פונם גערודפטן יידן — זיין אָדער נישט זיין? — איז אַרויסגעקומען אין דער הויפּט־ראָלע, געשפּילט פון שוואַרצן אַליין?

אַ גאָר גרויסן רושם האָבן געמאַכט אויף אונז די דראַמאַטיזירונגען פון י. י. זינגערס ווערק — „יאָשע קאַלב", אין יולי, 1935, אין פעניקס טעאַטער און „די ברידער אשכנזי" אין זומער, 1938; די ערשטע דראַמאַטיזירונג איז געווען בפועל ממש גראַנדיעז און די צווייטע — איינער פון די גרעסטע טריאומפן, וועלכע מאָריס שוואַרצעס טעאַטער האָט בכלל דערגרייכט און נישט בלויז אין לאָנדאָן.

דעם לאַנגן חלום פון אַ סטאַביל יידיש־קונסט טעאַטער האָט מאָריס שוואַרץ מיטגענומען קיין ארץ־ישראל, כדי דאָרטן אין דער יידישער מדינה אים צו זען רעאַליזירט אין דער ווירקלעכקייט. נאָר איז עס דאָך שוין אַן אַלטער יידישער כלל: „תצא רוחו ישוב לאדמתו, ביום ההוא אבדו עשתונותיו...."

לאַנג, לאַנג וועט זיך פילן די אבידה פאַרן יידישן טעאַטער, וואָס דער טויט פון מאָריס שוואַרץ האָט פאַראורזאַכט. לעת־עתה איז נאָך נישטאָ קיין ענטפער אויף דער פראַגע, ווער וועט פאַרנעמען דאָס ליידיק־געבליבענע אָרט פונם חשובן נפטר? בכלל איז שווער געוואָרן דאָס פּראָבלעם, שווערער ווי ווען אַמאָל, פון אַ קונסט־טעאַטער אויף יידיש.

אין אונזער שווערער צייט איז דאָס אַ גרויסער פראַגע־צייכן.

## לאנדאן קולטור-ידיעות

י. ל. קרעדיטאָר, ווערט דעם חודש א בן שמונ׳ים. דער בעל יובל, וואָס איז געש־טאַנען דאָ ביים וויגעלע פון דער יידישער און העברעאישער פּרעסע איז איינער פון די רעדאַקטאָרן פון די „יידישע שט׳מע", ווינטשן מיר אים אָנצוגיין מיט זיין ארבעט עד מאה ועשרים.

° ° °

נחמן רובין, דער אַדמיניסטראַטאָר פון „לשון און לעבן" איז געוואָרן דעם חודש אַ בן שש׳ים. דער בעל־יובל איז געפייערט געוואָרן ביי שבת נאָכמיטאָג. רובין איז אויך איינער פון אונזערע רעציטאַטאָרן וואָס איז מהנה דעם עולם מדי שבת בשבת. ער פלעגט אויך שפּילן ווי אַן אַמאַטאָר יידיש טע־אַטער. מיר ווינטשן אונזער פריינט לאַנגע געזונטע יאָרן אָנצוגיין מיט זיין אַרבעט.

° ° °

משה דאמב ווערט דעם חודש אלט פיפ־ציק יאר, מיר ווינטשן דעם בעל־יובל, ער זאל האבן די כוחות און די מעגליכקייט אנ־צוגיין מיט זיין ל׳טעראַרישע ארבייט. דער שבת, דעם 27 אויגוסט וועט זיין געווידמעט משה דאמבן, ער וועט פארלייענען א קאפּיטל פון זיין ראמאן וועלכן ער שרייבט א׳צט און ער וועט באגרוסט ווערן פון די חברים ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס.



משה דאָמב
ווי אַ פּוילישער אָפיצער אין דער גרויסער וועלט מלחמה

ד״ר משה מערקין וועלכער האט דא געוויילט אייניקע וואכן, איז אויפגענומען געווארן פונם איווא קאמיטעט ביי א „לאנטש" אין „כדתיא"־רעסטאראן, ווו ער איז באגריסט געווארן פון חברים און ער האט דערציילט פונם יידישן לעבן אין בוענאס־איירעס.

קומענדיקן חודש א פיעסע אין דער טעלעוויזע „גאלד פון בלעך" אויפן מאטיוו פון שלום עליכמס „צוויי הונדערט טויזנט". הויפט סטאר מאיר צעלניקער. אין „פאקס פילם" און „וואָרנער בראדערס" גייען צוויי שטיקער ווו מאיר צעלניקער שפילט מיט.

עס גייען ארום קלאנגען, אז דאס גרענד פעליי טעאטער דעם ווינטער וועט שפילן אונטער דער אנפירונג פון יצחק קרעלמאן. א צווייטע ווערסיע: אז מארק מארקאוו זאל איבער נעמען די אנפירונג. מארקאוו זאל זיך הערקומען פון ראדעזיע, ווו עס ווערט איצט געפייערט זיין 30 יאר שפילן יידיש טעאטער. מיר שליסן זיך אן מיט ברכות צום בעל יובל מארק מארקאוו.

דער קולטור־טוער פון דרום־אפריקא בערל לעווינסקי האט געהאלט א רעפעראט ביי די שבת נאכמיטאג און דערציילט פון דער וויכטיקער קולטור־טעטיקייט וואס גייט אן אין יידישן ישוב אין דרום אפריקא.

חזן גאלדשטיין וועלכער איז אויף א באזוך פון אמעריקע אין ענגלאנד, האט געהאט צוויי קאנצערט אונטן. צווישן זיין „חנ״ש" האט ער אויך געזונגען פאלקס לידער און לידער פון לייוועקן און צייטלינען — דער עמוד־קינסטלער האט שטארק אויסגענומען ביים לאנדאנער עולם.

דאס אקטיארן־פארל סעם גאלדבערג און עלען ווינאגראד האבן געהאט א ווארטקאנצערט דא דעם פארגאנגענעם חודש און זייער אויפטרעטן איז געווען א גרויסער דערפאלג. זיי פארן איצט אויף א קאנצערטטור אויפן קאנטינענט.

יאסל עפשטיין מאניטש אויף א באזוך אין לאנדאן מיט זיין פרוי איז אויפגענומען געווארן אין הויז פון א. מ. קייזער און באגריסט געווארן פון חברים.

פארגאנגענעם חודש איז צו דער דריטער יארצייט פון שלום אש געליינט געווארן און גערעדט געווארן איבער שלום אש, ביי די שבת נאכמיטאגס.

מענדל מאזעס איז אין לאנדאן אויף א באזוך פון ישראל.

א. מ. זוהל אויף זיין צוריק נסיעה קיין אמעריקע פון ישראל און פוילן האט געוויילט אייניקע טעג אין לאנדאן.

ד״ר שלמה נאבל וואס איז געקומען אויף אייניקע וואכן קיין לאנדאן אין ענינים פון ייווא איז אויפגענומען געווארן פונם קאמיטעט פונם לאנדאנער ייווא אין הויז פון פריינט פאדאלסקי ווו ער און זיין פרוי זיינען ווארעם באגריסט געווארן פון די קאמיטעטחברים. אן עפענטלעכער באנקעט איז געגעבן געווארן פאר די תשובע געסט אין קארע האטעל ווו דר גלאבוס האט געהאלטן א פארטראג איבער וויכטיקע ענינים בנוגע יידישע פארשונג. דר. א. שטיינבערג האט געפירט דעם פארזיץ. דער סעקרעטאר מיכאל זילבערבערג האט איבערגעגעבן וויכטיקע פרטים וועגן וויטערדיקע ארבעט. עס איז צו האפן, אז די ייווא־טעטיקייט אין לאנדאן וועט אנגיין מיט געשטארקטערע כוחות.

פארגאנגענעם חודש אין דער לעבעדיקער צייטונג, איינגעאָרדנט פונם יידישן שרייבערפעראיין און יידישן וועלט קאנגרעס האבן זיך באטייליקט: שלמה אויערבאך, אלחנן וואגלער, א. מ. קייזער און א. נ. שטענצל. דעם פארזיץ האט געפירט יוסף פרענקל.

די דיכטערין מלכה טוזמאן, וואס האט געוויילט אייניקע טעג אין לאנדאן איז אויפגענומען געווארן, צוזאמען מיט איר מאן אין הויז פון ש. י. הארענדארף.

אלחנן וואגלער האט זיינע „האלידעיס" פארבראכט ביי אונז אין לאנדאן, ער איז אויפגעטרעטן ביים די שבת נאכמיטאגס ווו ער איז זייער ווארעם אויפגענומען געווארן פונם עולם און באגריסט געווארן פון חברים. אויך אין הויז פון דר. יעקב מייטליס איז ער באגריסט געווארן פון חברים.

לעא קעניג געפינט זיך אין לאנדאן. חברים האבן אים אויפגענומען אין הויז פון דר. יעקב מייטליס. מיר זאגן די תשובע געסט לעא קעניג און פרוי קעניג א הארציקן ברוך הבא.

אברהם קאכמאן, וואס האט דא געוויילט אין לאנדאן האט ביי די שבת נאכמיטאגס דערציילט פון ישראל.

עלעק וואטערמאן איז געווען אין ווארשע אויף דער טויזנט־יאר־פייערונג פון באשטיין פון פוילן.



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9 (העפט 349) איין און צוואנציקסטער יאר סעפטעמ. 1960 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

חשבון־הנפש, סקארבאווער ניגון, צום ערשטן נומער פון 21׳סטן יארגאנג. צום מאסקאווער געשריבענעם לוח, יום קדוש, צום בוך „ווייטשעפל" (יונ״א־ימים־נוראים, רבי׳שע־פארטרעט, טעמזע־תשליך.) ** ........ 1
די צוויי טעג ראש השנה (עסיי) ........ יעקב ריכטיגער 6
און איר פרעגט (ליד) ........ עלי זילבערג 13
העלדן־קדושים (ליד) ........ חיים וואלדמאן 14
די ניינטע אפטיילונג פון גיהנום ? (עסיי) ........ מ. מינדל 14
א תפילה, דו, פרוזדור (ליד) ........ שמואל וועהייט 17
אויף חרובע וועגן (א קאפיטל פון א ראמאן) ........ משה דאמב 18
די ווערבע, געזאנג איבער צייטיקער תבואה, אין האבער פעלד, דאס פערד ביים צוים, צוויי זומערפייגעלעך, דער מולד, אין א רעגן־טאג (לידער) א. נ. שטענצל 21
די אנטוויקלונג פון דער אמעריקאנער יידישע פאעזיע (עסיי) הרב עמנואל גאלדסמיט 24
צוויי מעטריקעס, בינגא און מנחה, וועגן א גראמען־פליטע ........ מ. אלטמאן 30
א באגריסונג ........ אייזיק גאלדבערג 32
רעדאקציע נאטיץ ........ 32
ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

**פרייז 2 שילינג**

געדענקט דעם שמחת־תורה באל
שבת, דעם 15׳טן אקטאבער

**אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר**

**אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר**

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—

“LOSHN UN LEBN,” 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press. 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*